STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05711

# SHMETERLINGEN

Moishe Altman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה אַלטמאַן

# שמעטערלינגען

(אויף די שפּורן פון מאָטל אומרו)

פאַרלאַג „סלאַוואַ" בוקאַרעשט

Speizman Jewish Library
at Shalom Park
5007 Providence Road
Charlotte, NC 28211

**ŞMETERLINGEN, I teil**

Copyright by Moişe Altman, Bucarest

ערשטער טייל

# מאָטל

ווען איך וויל גיין אַצינד באזינגען. מיינע
טויטע, פון וועמען זאָל איך אָנהייבן, פון וועמען ?
אָנהייבן פון דיר, מיין קערפּער, וואָס אלע
דיינע צעלן טוען קלאָגן — וויינען ?

(פון מאָטלס אימפּראָוויזאַציעס).

# מיראַזש

## 1

דער לייענער מעג עס וויסן פון אַצינד שוין: די געשיכטע וואָס מיר גייען דאָ דערציילן, איז ניט קיין פריילעכע·

מיר דערציילן זי פון מאָטל אומרוס מויל און קיין טאַרומעס האָבן אויף אים טאָר מען נישט· האָט דאָך שוין אַמאָל אַ מענטש געבעטן: רופט מיך נישט זיסע, רופט מיך ביטערע, ווייל שאַדאַי האָט מיר פאַרביטערט· עמעס, יענער מענטש איז געווען א פאַראומגליקטע פרוי און געשען איז עס אין צייטן, ווען מענטשן פלעגן אַקערן, זייען און שניידן· אין יענע צייטן פלעג טרעפן, אַ הונגער איז געווען אין לאַנד און מאַנכער מענטש האָט פאַרלאָזט זיין הויז און זיין פעלד און געגאנגען ווינען אין שאָכנס לאַנד· דאָרטן האָט ער געאַקערט, געזייעט און געשניטן. איינער פלעג שוין פאַרבלייבן אַ דאָרטיקער, א אנדערער ווידער פלעג נאָר איבערזיצן ביז דער צאָרן אין זיין היימלאנד האָט זיך געפעלט און צוריקקערן צו זיין נאַכלע··· היינט איז עס אנדערש· אָבער — צי מוז מען דען נישט אויך היינט אַקערן, זייען און שניידן, אויף צו באקומען ברויט?

## 2

ער וואָלט געוואָלט, מאָטל, די געשיכטע זאָל דערציילט ווערן פּאָשעט, גאָר פּאָשעט· קען ער זיך אָבער קיין אייצע ניט גיבן מיט די ניט־אויסגעהיילטע, ניט־פֿאַרגלעטע יעסורים זיינע· זיי איבערפאלן אים ווי אַ ראָי אויפגערייצטע בינען: צו וואָס? פֿאַרוואָס אַזוי געטון? און ער האָט ניט קיין ענפער·

וואָרן ער, מאָטל ביי זיך, ווייסט דאָך דעם עמעס, אַז אין יענער צייט האָט ער געהאט גאנץ אנדערע פּלענער. לויט יענע באשלוסן, רייפע, לאָגיש־אויסגעדענקטע, האָט ער געזאָלט זיך אויפהייבן מיט האַק־און־פּאַק פון דער פרעמ־דער פּראָווינץ־שטאָט ווו ער האָט אַזוי צופעליק, אָן אַ סיבע, אָן אַ צוועק, זיך אַראָפּגעלאָזט, נאָר ווייל די שטאָט איז געלעגן אויפן וועג פון זיינע גילגולים און ער איז געווען מידי·

צו וואָסזשע זיך געלאָזט אַריינציען אין דעם אייסעק מיטן פעלד וואָס האָט אים פֿאַרצוועקעוועט צו דעם אָרט, פונ־וואנען ער האָט געדאַרפט אַלפּי־סייכל זיך ראטעווען וואָס פריער?

עס בריט אים, מאָטלען, ערגיץ אין געהירן· ניט אלצ־דינג לאָזט זיך אַרויסזאָגן· און צוואָס? וועט דען ווערן עפּעס בעסער, אַז ער וועט דערציילן, וויאַזוי אין דעמ־זעלבן טאָג וואָס ער האָט זיך באזעצט אין יענער פרעמ־דער, אים לאַכלוטין אומבוציקער שטאָט, האָט ער אין אַ מאָמענט געהאט אַן אנטפּלעקונג וואָס האָט אים צעלעכערט דעם מוח, און אויף שטענדיק:

— אָט אַ דאָ, אין דער שטאָט, שטאַרבט דיר אַ קינדי־
רו... מאָטל אומרו באַדאַרף אַ ביסל רו.

## 3

ער גלייבט דאָך, מאָטל, אַז איינע פון די סיבעס פון דעם גילגול איז די שוואַכקייט זיינע צו ערד:

— ... די דאָזיקע שוואַכקייט מיינע, זי קען זיין ביי מיר אַ ירושעדיקע, פונם טאַטן. ווי ווייט איך געדענק אים אלס יונגנמאַן, האָט ער טאָמיד געגאַרט צו אַוווידאָס־אַדאָמע. ער איז געווען אַ טווע־סוחער, פונם דאָרף געהאַנדלט. איז דאָס געווען ניט קיין מיסכער נאָר אַ קאַטאָרגע. איך דערמאַן מיך ווי ער פלעג אַמאָל אַ זאָג טון צו עמיצן פון זיינע היי־מישע גוויים: איוואַן, עפשער מאַכן מיר אַ בייט? נעם דיר מיין שטוב אין שטאָט מיטן מיסכער און גיב מיר דיין כאטע אין דאָרף מיט די פינעף דעסיאַטין פעלד... און צו זיך אַליין, שוין אויף יידיש: איך וואָלט אים צוגעגיבן מיין „שטאָט” אין קלויז...
די „שטאָט” איז געווען אַ מיזרעך־שטאָט, אַ ירושע פונם זיידן, דעם טאַטנס טאַטן, מיט וועלכן ער האָט זיך מעיאַכעס געווען, און מיין טאַטע אַליין איז געווען אַ פרומער, זייער אַ פרומער. אָבער זיך בייטן מיט איוואַנען איז ניט מעגליך געווען און ער איז פאַרבליבן ביים מיסכער און ביי זיין קינע.
ער האָט געהאַט גרויס דערעכערעץ פאַר טווע. קיינמאָל ניט געמישט, ניט נאָר פאָסליד אָדער ערד, נאָר ניט אפילע קיין געמיינע טוווע מיט בעסערע. עס פלעגן זיך מאַכן צייטן פון פוריעס, גרויסע „עליות” אין מעקעך. דעמאלט פלעגן אַראָפּקומען סאָכרים פון דער ווייטער פרעמד, מ׳האָט געצאָלט פרייזן ביז אין גיבל אַריין און סכוירע גענומען

בל־לינדי אין אזעלכע צייטן פלעגן אלע סאָכרים, אפילו די גאָר גרויסע, צומישן ערד און פּאָסליד ; מיין טאטע — ניט. די סאָכרים פלעגן פון אים כויזעק מאַכן, אפילו מוסער זאָגן, און ער — גאָרניט, סע גייט אים ניט אָן, ער וועט ניט מישן : ס׳איז אן אַווײרע, מ׳איז אויווער אויף „בל תשחית״. ווען מ׳הייסט אים אָנשרייבן די צוויי ווערטער, וואָלט מען געווען געהאט נאָך אַ גרעסערע אַווײרע, אָבער דעם פּשאט דערפון האָט ער געוווּסט בעסער פון די לערנערס. עס איז געווען דער פשאט פון האָרעוואַניע, רעספּעקט פאַר פּראַצע און אויך פאַר די טוווע־קערנער אַליין. דעם גאָר גרויסן דערעכערעץ האָט ער געהאט פאַר ווייץ, דעם מעלעך פון די טוווּעס. מ׳האָט אים באַדאַרפט זען אָננעמען אַ זשמעניע ווייץ און באַטראַכטן. דאָס איז געווען אַ הייליקע ארבעט, אן אַווידע. ווייץ איז געווען זיין גרויסע ליבשאַפט, ווי אַרבוזעס און ווייִנטרויבן זיין ליידנשאַפט, נישט כאַלילע צום פרעסן... ווייסיך... ער האָט זיי באַוואונדערט!.. יעדן אָסיען פלעג ער זיך גיבן דאָס וואָרט, אַז אים יירצע האַשעם איבעראַיאָר דינגט ער אָפּ די זשיע ביים פּאָריץ, אָדער ער פּאַכטעט אַ שטיקל צעלינע און מאַכט אן אַרבוזעריע. באזונדערס שטאַרק פלעגן אים אָנקומען אָט די בענקשאַפטן אינדערפרי, בישאַס ער איז געשטאַנען אין טאַלעס וטפילין און געדאַוונט לעבן פענצטער וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין הויף אַריין און נאָך ווייטער אַריבער צו די גויִשע גערטנער און פעלדער.

מאָטל — קאָם וואָס ער שמייכלט. ער פאַרענפערט זיך :

אין אַ צייט ווען מען דערזעט זיך אַליין שוין אַזוי אַלט ווי דער טאטע ווערליק מען געדענקט אים פאַר אַ טאַטן, איז ליב זיך צו דערמאָנען ווי ער איז געווען יונג.

## 4

פון די טיפענישן גייט אויף אין מאָטלען דער פאַר־דראָס:

— פאַרוואָס האָט ער מיך געבראָכן? מיין וועג פאַרקרומט?

דאָס האָט ער טײַנעס צו זיין שויכן־אָפּערדיקן טאטן· און כאָטש פון דעם וואָס איז געווען טאטע איז שוין פאַרבליבן מאַמאָשעס דאָ נאָר מאָטלס בענקשאפט און כאַראָטע, קען ער נישט גוויוער זיין די טאַרומעסן:

וואָס האָט ער געהאט צו מיר? פאַרוואָס מיין קינדהייט פארפינצטערט, דעם יונגן כיעס אַרויסגעצויגן, מיט אַבאַיע־ווערצווע געמאטערט· ניט נאָר מיינע טעג מיט זון און שפּיל באַאַוולט, נאָר אויך מיינע קינדערשע נעכט פאַרקירצט, די נעכט ווען כ׳האָב באַדאַרפט רוען און וואַקסן·

דער פאַרדראָס גייט אויף אין מאָטלען און צערעדט זיך אין פערזן:

··· דער בייזער גורל האָט געוואָלט, איך זאָל קומען אויף
דער וועלט אין אַ פאַראומערט שטעטל,
וואָס האָט זיך אויסגעלעגט אין בלאָטע מיט אַ האַנאָע, ווי
אום זומער אַ פעטער דאָווער־אַכער·
מיין רעבי מיטן אָפּגעהאקטן פינגער האָט געסטאָכעט און
געפּאסיקט אינדערהיים דער טאטע·
און איך האָב דאווקע ליב געהאט די זון און אלעמען צולאָכעס
אַ שטיפער און אַ לאַכער·
נאָר דאָס וויסט געמויזעכץ האָט גערוקט זיך, איבערפלייצט
מיך ווי דאָס כומעשדיקע מאַבל

אָפּגעווישט אַ יעדע שפּור פון פרייד — ניט צו שעלטן
ווער קען זיין אַ בעריע?..

דאָס איבריקע האָט געטון מיין פרומער טאטע מיט זיין
אַמביציע — אַ זון אַ לאַמדן.

ניט געדאַכט זאָלט איר שוין ווערן אַבייַע ווערעוווע מיט
אייער שיקל־א וטריא.

. . . . . . . .

מאָטל שמייכלט. עס איז אים אויפן האַרצן גרינגער
געוואָרן:

— נאָך אלעמען איז ער דאָך ניט שולדיק געווען. אַ
מענטש אַ פאַשעטער, האָט ער געהאַט דעם אומגליק צו זיין
אַ זון פון אַ לומדישער מישפּאָכע, וואָס האָט זיך געגרויסט
מיט איר לימדעס־ייכעס. ער — דער איינציקער אַמאָרעץ
אין דער מישפּאָכע, אַ פּראָסטער כאַיוועקאַיעם, האָט שטאַרק גע־
ליטן דערפון, דורך מיר געהאָפט אויסצוגלייכן דעם כעשבן.
אינדערעמעסן האָט ער מיך שטאַרק ליב געהאַט. ס'האָט
ניט קיין שיער און קיין איירעך צו דער ליבשאַפט זיינער
צו מיר. אויף דער עלטער, דער ביטערער שווער־געפּרווו־
טער עלטער זיינער, האָט זיין געדאַנק דערגרייכט אַזאַ
טיפע מענטשליכע רייפקייט וואָס כ'האָב ניט באַגעגנט ביי
קיינעם פון די לומדים, וועלכע איך האָב געקענט. האָט ער
זיך איינמאָל אָנגערופן צו מיר: „זון, זאָגט ער, האָסט דיין
טאטנס שווער מאזל געיאַרשנט"... ער האָט געמיינט דערמיט
אַ סאַך און צווישן איבריקן אויך דאָס, וואָס אויך ער האָט
אָפּגעלעבט אַ לעבן ניט אַזוי ווי ער האָט געוואָלט. אָט,
זיך אָפּגעפּלאגט אַ סויכער.

פויזע. מאָטל קלערט אין עפּעס אַריין; ער מאַכט גאַנץ שטיל:

— ער האָט זיך דאָך אויסגעגלייכט... אין לעצטן טאָג, טאַקע אין יאָם־האַמיסע, האָט ער מיך צוגערופן און אַ פרעג געטון: „זון, ווי מיינסטו, איך וואָלט איבערגעטראָגן אַ נעסיע קיין ערעץ־יסראָעל?"... און איך, וואָס כ'האָב געקענט מיין טאַטן ביז אין די באַהאַלטנסטע נעשאָמע־קנייטשן, איך ווייס, אַז ער האָט ניט געטראַכט וועגן קומען צו קוורע אין ערעץ־יסראָעל־ערד. דאָס האָט זיך אים באַוויזן אין דעם לעצטן טאָג דער ניט־מעקויעם געוואָרענער לעבנס־כאָלעם זיינער: אַוויזאַס־אַדאָמע.

## 5

אומגעריכט האָט זיך מאָטל אויסגעגיבן; הייסט עס, ער פערפאַסט לידער? אויף מאָטלען איז צו גלייבן אַז ער מאַכט לידער, אָבער ער שרייבט זיי נישט. אָט קען ער זיך ניט אָפּהאַלטן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַפרייט פון די ערשטע סטראָפן, קומען ארויס איבער די גרעניצן פון די ליפן, ווי פליטים, צום אייגענעם כידעש און צום כידעש פון די וועכטער, אָט קומען די ווייטערדיקע:

אַ גליק נאָך, וואָס מיין באָבע, די פּאָדאָליער מעיוכעסעס,
האָט דערציילט ביינאַכט אַ מייַסע.

פון קיסריים, פון מיאַטיעזש, און געקאָכט פאַר מיר אין
הרובע לעמעשקע און קאַשע־פּאַני.

די באָבע אין גאַניידן. די קאַשע עסט מיר אויף דער קייסער.
און איך — שטאָט מיין, שטעטל!

וואָלט איך אָפּגעציילט דיר אויפן אָרט דאָ א קאָפּל־
שמוינעדיקן רוסישן מוידע־אני.

האָסט פאַרדינט דיר קאָשער, האָסט פאַרדינט נאָך מער·
פאַר מיינע יונגע טעג·
אין דיין געמויזעכץ שטאַר־פאַרגליווערטע, ווי די ווייסלען
אין בלינדע אויגן·
פאַר מיינע נאָענטע און ליבסטע, אין דיין זשאַווער
כאָרעווע··· האָסט פאַרדינט,
באָר אַ שאַד מיר צו באשמוצן מיט דעם כעשבן אַזאַ
ציכטיק־בלאַנקן בויגן·

. . . . . . . .

קלאָר: עס איז אימפּראָוויזאַציע· דאָך פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ פאַרביטערטע סינע צו זיין היים, ביי אים, ביי מאָטלען, וועמען סינע איז אָרגאַניש פרעמד?

מאָטל האַלט, אַז דאָרטן האָט זיך זיין לעבן פאַרקרומט· און אַז ער איז געבוירן צו זיין אַ גלייכער, עפּשער שוין צו אַ גלייכער, דעריגען קען קיין ספק ניט זיין. פונדאַנען עפּשער די ווידערשפּרוכן אין כאַראַקטער, די סטירעס צווישן באשלוס און טאַט און ביכלאַל. אויך דאָס אַ שטייגער: ווי גרויס ס'איז אין אים די סינע צו זיין געבורט־שטעטל, אַזוי און נאָך גרעסער איז זיין ליבשאַפט צו דער סוויווע, צו דער נאַטור פון דעם ווינקל, צום היימישן פּייזאַזש· דאָס נידריקע פלאַכלאַנד מיט די קליינע בערגלעך אויפן האָריזאָנט — ער קען זיך ניט אָנזעטיקן מיט זיי· און ווער נאָך ווי מאָטל ווייסט עס, אַז ערד איז ערד אומעדום· און

לעבן, און טויט, און מענטשן, און אומגליק, און דאָך, נאָך אזויפיל גאוועגאדעווען, נאָך אזויפיל לענדער באטרעטן, מיט פּיין, מיט יעסורים...

מאָטל דענקט נאָך גאנץ שטיל:

— מעגליך, אַז דאָס האָט גוירעם געווען צו מיין ערד־ארבעט.

## 6

דער שמייכל פון מענטשן וואָס דאָס לעבן האָט אָנגעפולט מיט טרויער. מאָטל שמייכלט אַזוי.

... אַ ייד האָט זיך אויף מיר אָנגעזעצט. זיך אָנגעטשעפּעט איך זאָל ווערן אַ פּאָסעסאָר. וואָס איז אים אזוי געגאנגען אין לעבן? עמעס, זיין פּאַרנאָסע געווען — אַ מעקלער. און צום אומגליק — ניט קיין דעקוטשליוועס. קיינמאָל ניט גערעדט וועגן פעלד סאָכריש, נאָר גאָר פון אנ'אנדער זייט: מיצאַד פעלד־ארבעט. וואָס אַ שטייגער מען קען פאַרבאָוועןן אויף דער פּאָסעסיע. וויפל צוקער־בעריקעס און וויפל סאָנישניק, וכדוימע. אַ מענטש מיט טאַקט... אַ פּאַוואָליע־גייער און אַ פאמעליך־רעדער. אַ וואָרט און אַ שמייכל. און שמייכלען שמייכלט ער אין טיש אַריין. אַ מענטש וואָס לאָזט פאלן ווערטער, מיט כאשיוועס, צוליב גוט־פריינטשאפט וועגן. אַ דיפּלאָמאט. און דאָס לאָזט פאלן ווערטער וועגן פעלד און פעלד־ארבעט גלייך געבוירן דערינען, גלייך זיינע ציין אויפגעגעסן דערביי. און בסכאַקל האָט ער אויף זיין גאנצן לעבן זיך אפילו ניט צוגערירט דערצו. אַ מעקלער!.. האָט ער אין מיר פאמעליכן אַריינגערעדט, געזען אַז ער פּויעלט נישט, ווייל איך האב מיך געווערט מיט אלע כוחות.

מאָטל איז ניט אויפגערעגט. אפילו דאָס וואָרט טאַרומעס איז ניט שייך. נאָר טיף ערגעץ אין אים טוט וויי: פאַר־וואָס אַזוי? פאַרוואָס זאָל ער זיין אַ רעשוס־האָראַבים, אַז עפּעס אַ ייד אַ מעקלער וואָס האָט באַדאַרפט פאַרטון זיין פּריצעס פעלד זאָל זיין בעקויעך אים אַריינצוברענגען אַזא בראָך אין לעבן, אים אַזוי פאַרפּלאָנטען? ווייל ווער ווייסט... ווען נישט אָט דאָס קליינקייט, עפשער? און נאָכאַמאָל עפשער... אוואדע נישט נאָך דעם געלט טוט אים באַנג, ווייסיך! אָבער... נאָר דאָ — פּאַמעליך. ס׳ טוט וויי. אַנ־אײדעלע זאַך אַ מענטשליך האַרץ. און געהירן זענען אויך נישט פון אייזן. יאָ, עפשער וואָלט ער נישט געווען פאַר־גרעזנעט געוואָרן אין יענער צופעליקער אים לאַכלוטין אומנוציקער שטאָט. און — ניין, נישטאָ קיין קויעך אויף די ליפּן צו ברענגען. עפּעס אַ קליינקייט דער טויט פון אַ באַליבט קינד.

**7**

זיכער, מאָטל האָט דעם אייסעק ניט געוואָלט:

— אַ שטאַרק פאַרגעפּיל ד׳האָט מיך צוריקגעהאַלטן, געוואָרנט — טו ניט. און כוצדעם האָט עס ניט געשטימט ניט מיט מיינע פּלענער און ניט מיט מיין פאָרשטעלונג וועגן ערד־אַרבעט. איך וואָלט געוואָלט געווען אַ פערמע, זיך אויסלעבן אין פּראַצע אויף ערד, צוזאַמענוואַקסן מיט דער אַרבעט, לאַנדווירטשאַפט. אָבער פּאַסעסיע! ניין. איך האָב שוין לאַנג אָנגעוווירן יעדן כיישעק דערצו, נאָך אין מיינע פריע יונגל־יאָרן. איך בין דעמלט געווען ביי מיינעם אַ פעטער, אין יענער צייט איינער פון די גרעסטע ערד־

פאַכטער אין אונדזער מעדינע, טויזנטער פאַלשעס פעלד האָט ער געהאַלטן אין אַרענדע און מיט אייגענעם רומינענט באַאַרבעט. בין איך געווען דערביי ווען מ׳פלעג אָפּרעכענען די סעזאָן־אַרבעטער, די „סטראָקאַרעס״... נאָר גאָר דער־שלאָגן האָט מיך דער פאַל מיטן בלינדן סטאַראָזש. איך בין געווען דערביי בישאַס דער קוירעץ־רייכער פּאָסעסאָר האָט אָפּגערעכנט אַ סטאַראָזש, פאַר אַ יאָר סכירעס איז אים געקומען, צוויי הונדערט קערבלעך. דער סטאַראָזש איז געווען אַ סאַגינוער. האָט אים דער מאַגנאַט אַריינגערוקט אַ גילדן פינוועל פאַר אַ צענערל און שפּעטער זיך באַ־רימט פאַר זיינע בניי־באַיס און אַ טאַאַם געגיבן: „צי דאָס פעלד וועט עפּעס ברענגען — װעלן מיר זען, דאָס איז שוין זיכערער רייווער״.

מאָטל איז אָנגעכמורעט. ער האָט נישט ליב אַז מען רעדט שלעכטס אויף יידן, מען רעדט גענוגי און ווער?... אָבער פון יענער צייט אָן האָבן פּאָסעסאָרס אָנגעוווירן יעדן ביין אין זיינע אויגן, אויך די פּאָסעסאָרסקע פּאַרנאָסע. פאַר־וואָסושע האָט ער עס יאָ געטון? אָט־א דאָ ליגט אַ גוז, איינער פון די גוזן פון זיין כאַראַקטער, פון זיין גוירל עפּשער. אַ ייד אַ מעקלער האָט זיך אויף אים אָנגעזעצט. קרויווים האָבן זיך אים פּלוצים געיאוועט, מיט טיינעס צו אים צו־געשטאַנען: סטייטש, אַד מאָסאַי? און אַז מען ווערט אָן אַ סלוזשבע לאָזט מען זיך אַזוי אָפּ? מען קען דאָך כאָלילע אַזוי אויפעסן ביז צום לעצטן!.. פאָרן? אין דער וועלט אַריין? ווי לאָזט זיך עס אַ מענטש מיט קליינע קינדער אין דער וועלט אַריין?..

צום ערשטן מאָל אין מיישעך פון דער דערציילונג טוט

מאָטל אַ זיפץ. ער קערס זיך דאָך באלד אום צום סיפּער־האַמייַסע:

... ווי נאָר כ׳האב אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט מיט דער אַלמאָנע, מיין מעקלערס פריצע, און איר אויסגעצאָלט די העלפט פאַר די דריי יאָר פאַכט אויף וויפל כ׳האָב גע־דונגען, האָב איך דערפילט, אַז כ׳בין אַריין אין אַ צאָרע, אַז כ׳וועל דאָ באַגראָבן אלצדינג וואָס כ׳האָב אָפּגעשפּאָרט אין מיישעך פון לאנגע יאָרן שווערער, בלוטיקער האָרעוואַ־ניע. אין דעם מאָמענט, וואָס האָט מיך געטרייסט ווי אַ מיראַזש? ס׳איז אַ בושע צו דערציילן: די סוויווע... דער טייך... דאָס פעלד איז געלעגן אינם טאָל פונם טייך פון מיין קינדהייט. דעמזעלבן אויף וועלכן ס׳זיצט דאָס שטעטל ווו איך בין געבוירן און אויסגעוואַקסן. דאָס שטעטל וואָס זיין מאַרק איז מיר נימעס און דער בייסאוילעם טייער, וואָס כ׳האָב עס אַזוי פיינט באַטאָג און אַזוי ליב ביינאַכט.

# סימאָנים און טאָפּאָגראַפיע

**1**

די פּריצע, די אַלמאָנע וואָס מאָטל האָט געדונגען ביי איר דאָס פעלד, איז געווען אַ בלינדע אויף אן׳אויג — דער דאָזיקער סימען איז מאָטלען פאַרבליבן אין געדעכעניש און ער קען זיך עס ניט דערקלערן צוליב וואָס. ער ווייסט נאָר, אַז אַצינד, נאָכדעם וואָס אַזויפיל ערד און וואסער האָבן זיך געלעגט אין זיין זכרון צווישן אים היינט און יענעם מאָמענט ווען ער האָט געשריבן מיט איר דעם קאָנ־טראַקט, איצט ווען די גאנצע פּריצע איז שוין נישט מער ווי אַ רעכניעס, אַ שייַן פאַר די אויגן, איז עס אָט־דער סימען וואָס האלט זי נאָך פעסט און רופט זי צוריק פון פארגעסנהייט.

מיט דעם איינציקן זעעוודיקן אויג האָט זי דאָך, ווייזט אויס, גוט אָפּגעשאצט איר נייען פאַכטער, אים אויסגע־פרעגט וואָס ער רעכנט צו פאַרבאָוען דאָרטן, געגיבן פרייַנטלעכע אייצעס און — ער מוז מוידע זיין — זי האָט אים גוט געראָטן. ווען די אייצעס קומען אַביסל פריער, וואָלט ער זיך עפּשער געווען אויסגעטשוכעט פון דער אַפּאַ־

טיע וואָס האָט איבער אים געוועלטיקט, וואָלט ער זיך ניט געוועזן באַצויגן מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט צום גאנצן איניען. עפשער וואָלט ער סאָף־קאָל־סאָף זיך אַ פרעג געטון, ווי סע קומט וואָס אַזאַ היבש שטיק פעלד וואָס ליגט אין סאמע בעסטן אָרט, ווו ערד איז מיט גאָלד־גלייך, ווו יעדער פּאָ־סעסיע ווערט אויסגעכאפּט מיט יאָרן פאָראויס, איז פאר־בליבן אַזוי שפּעט — שוין געוועזן סאָף יוני — ניט פאַרפּאַכטעט. עפשער וואָלט ער זיך געוועזן אינטערעסירט און אַרויסגע־פאָרן אַ קוק טון, זען וואָס מען וויל אים פארהאנדלען און פאַרוואָס דער פרירעקער פּאַכטער לאָזט עס אָפּ. און ביכלאל, איז ווען דאָס געשעט — ווער ווייסט... עפשער און נאָכאַמאָל עפשער, און...

ער האָט עס ניט געטון, איז דעריבער ניט שייך אים פירצווארפן פאַרוואָס ער האָט איצט, נאָכן אונטערשרייבן דעם קאָנטראַקט און באַצאָלן דאָס פּאַכט־געלט, אויסגעהערט אירע אייצעס, נאָר זיך ניט צוגעהערט. סײַווי געוועזן צו שפּעט. דערפאַר האָט ער זיך גוט איינגעהערט אין איר קאָל, אין דער גאנצער אַטמאָספער. עפשער האָט ער, אומבא־ווּסט פאַר זיך אַליין, געפרווט זי איינפּאַסן אין זיין איי־גענעם לעבנס־גאנג.

די שטילע מיטליעריקע פרוי אין שוואַרצן, זי האָט געוועקט אין אים אַ געפיל, וואָס מען קען אָנרופן ראַכמאָ־נעס, עפשער עפּעס אנדערש:

— פלעג זי דער מאן שלאָגן? איז ער געוועזן אַ שיקער?

## 2

דאָס ווינקל ווו די פּאָסעסיע האָט זיך געפונען, איז

שטאַרק געדיכט באַפעלקערט. עס איז אַ ראַיאָן וועלכן מען פלעג נאָך אין די פריערע צייטן רופן „מאַלאָזעמעלני”, דאָס הייסט, ער פאַרמאָגט ווייניק ערד. אין טאָל, לענגאויס דעם טייך, זענען אָנגעוואַקסן יישובֿים אויף יישובֿים, זיך אַלץ פאַרמערט, איינגעשלונגען דעם שייטעך צווישן זיי. פרייע ערד איז געוואָרן אַלץ ווייניקער. אַ ברוקירטער שטראָז און אַ באַן־ליניע שניידן דורך דעם טאָל, פאַרבינדן דאָס ווינקל מיט עטליכע צוקער־פאַבריקן. די ערד אין טאָל איז פעטער טשערנאָזיאָם, גוט פאַר דער קולטור פון צוקער־בעריקעס. ארבעט־הענט קריגט מען... אַמאָליקע יאָרן האָט די ערד, קימאַט די גאַנצע ערד, געקערט צו די פריצים. די פויערן האָבן געלעבט פון ארבעט אויף די פריצישע אימעניעס, פון איבערפירן די טוועס סיי צו די וואָקזאַלן, סיי צו דער אַמאָליקער גרעניץ. די נויט האָט די פויערן געמאַכט פאַר פלייסיקע האָרעפּאַשניקעס, אַרבעט האָט גע־מוזט דערגענצן דאָס, וואָס פאַרמעגן האָט נישט געגיבן. אויפעס־צוכט און אייער — דערמיט האָט דער „שטראָז” פאַרשאָטן די פאָר שטעטלעך און די שטעטלעך האָבן איינ־געטיילט די גאָב פונם שטראָז צישן די היימישע נעגידים און אויסלענדישע ווייטע מערק, די אויפקויפער און אויפקויפערינס — זיי האָבן פון דער גאָב קאָם געצויגן אַ טרוקן שטיקל ברויט און דאָס אויך נישט שטענדיק. דער „שטראָז” איז אויך רייך געווען אין פלוימען און אין עפּל-סע־דער, די באַרימטע פלוימען און עפּל וואָס יידן פאַכלייט פלעגן טרוקענען אין ספּעציעלע אויוונס־לאָזניצעס און אַרויסשיקן אין די טיפע רוסישע גובערניעס. נאָך דער מילכאָמע האָט זיך די לאַגע געביטן. די פעלדער־פאַרטיילונג האָט אויף אַ

שטיקל צייט געשטילט דעם ערד-הונגער, דערפאַר איז אָפּגעשטאָרבן דער אַרויספיר פון עפּל און פלוימען, פון דער נייער לאַגע האָבן געווינען די קולאַקעס: די אויסגע־טיילטע ערד איז געווען צו ווינציק, ניט גענוג געשפּייזט און פאַמעליכן איז זי איבערגעגאַן אין די קולאַקישע הענט, צו די רייכע באַלגופים. און כוצדעם האָט מען די בעסערע ערד געלאָזט פאַר די פּריצים, פאַר די פּויערן האָט מען אויסגעטיילט ווייט־ליגנדיקע מאָגערע שטאָכים. איצט איז דער הויפּט־מעקאָר פון כאַיונע געוואָרן: די צוקער־בעריקעס פאַר די פאַבריקן, אנשטאט די אַמאָל באַרימטע ווייצן פון דעם טאָל זענען איצט באַרימט געוואָרן די בעריקעס־פּלאַנ־טאַציעס, וואָס יידישע און ניט־יידישע ארענדאַטאָרס מאַכן אויף פּריצישע פעלדער.

די פּאָססיע פון מאָטלס פּריצע האָט זיך געפונען אין סאַמע מיטלפּונקט פון דעם ווינקל — אַזויפיל האָט ער געוווסט. ערשט ביים שרייבן דעם קאָנטראַקט איז ער געוואָר געוואָרן, אַז די אימעניע באַשטייט פון צוויי טיילן. איין טייל, דער קלענערער, ליגט אין טאָל, ביים שטראָז, ביים דאָרף. דער צווייטער, דער גרעסערער — עטליכע ווערסט אָן אַ זייט, אָפּגעלעגט פונם שטראָז און פונם דאָרף, אויף אַ בארג. די אַלמאָנע האָט אים געראָטן ער זאָל אַליין באַאר־בעטן נאָר דעם קלענערן טייל, דעם וואָס אין טאָל. דעם גרעסערן, יענעם וואָס אויפן בארג, זאָל ער ניט באארבעטן, נאָר טון ווי דער פרידיקער פאַכטער, ווי איר אייגענער מאַן פלעג זיך נויעג זיין קאָל־זמאַן ער האָט געלעבט: עס אַוועקגיבן צו די פּויערן אויף שיטפעס, אָדער זיי עס אי־בערפאַרדונגען.

## 3

האָט מען ניט באַדאַרפט זיין ניט קיין איבעריקער כאָכעם און ניט קיין מעסוקענער באָקי אויף צו פאַרשטייען, אַז מ'ט דעם פעלד האָס מען מאָטלען „אָנגעטון", איינמאָל אַ סימען: דאָס פעלד וואָס איז געלעגן אין סאמע האַרץ פונם שטראָז איז אַזוי שפּעט ניט געווען פאַרדונגען, געוואַרט, אַז אַ ייִד אַ דיפּלאָמאַט זאָל אָנטרעפן אויף מאָטל אומרו אין אַ מאָמענט פון צעכושטקייט. און גראד איז עס געווען אַ צייט, ווען פעלד איז צישן די יידן פון יענעם קאַנט גע־וואָרן אַ פסיכאָזי אין יענער צייט, אין ערשטן יאָרצענדליק נאָכן קריג, האָט זיך אַ דיבעק באַזעצט אין דער יידישער באַפעלקערונג פון אָט דעם געוועזענעם טייל פון דער צאַ־רישער אימפּעריע. אַ ד'בעק איז ווייניק: צוויי דיבוקים. איינער פון לויפן אין דער ווייטער וועלט אַריין, אין מע־דינעס וואָס אין דעם קאַנט האָט מען זיי ערשט איצט אנט־דעקט: קאָלומביע, פּערו, טשילי, ווענעצועלע... מ'ד'האָט געזוכט לענדער פון יידן ניט באַזעצטע, עס זענען געפאָרן טאַטעס פון פאַרזעסענע מיידלעך, מוזיקעס יונגלעך פון צו זעכצן־זיבעצן יאָר... מ'האָט אַהיים געשיקט נאָדן פאַר די טעכטער, פאַר די שוועסטער, דערנאָך צוריקגעקומען און געוואָרן — פּאָסעסאָרס. ווייטע גילדענע מעדינעס און היימישע ערד האָבן אַ רוף געטון יידן צו זיך. און אין דער צייט האָבן פויערן, גאַלאַכים, לערערס אָנגעהויבן צו האנד־לען... און אַז יידן האָבן זיך געטון אַ וואַרף צו פּאָסעסיע, איז ערד געוואָרן מיט גאָלד גלייך, איז עס געוואָרן אַ גליק פאַר די פּריצים: צו וואָס אַליין באַארבעטן, אַז די פּאָסע־סאָרס פאַרשיטן מיט אַזויפיל געלט? קיינמאָל האָבן ד־

פריצים ניט אַרויסגענומען פון זייערע פריריקע גרויסע אי־מעניעס, וויפל איצט פון די קליינע דורך דער אַגראַר־רעפאָרמע באשניטענע· די פרייזן זענען געשטיגן מעשוגע־נערווייז, אויך די פרייזן אויף אַרבעטס־הענט. זיי דהאָבן אָפּגעצאָלט, די יידישע פּאָססעסאָרס, פאַר ארבעט דאָס וואָס זיי האָבן שאָדן נעבראַכט מיטן אַרויפשרויפן די פרייַזן אויף פעלד... דער גרעסטער ראָוו פון זיי האָט זיך גוט אָנגע־פלאַגט ביז זיי זענען געבליבן אָן דעם געלט וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון די ווייטע מעדינעס· אָבער אינדערווייל···

אינדערווייל איז מאָטל אויך אַריין אינדערמיט· מאָטל אומרו··· ווי קומט ער אַהער?.. נאָר נישט פון דעם וויל ער איצט טראַכטן· דאָס—ווי ער קומט אַהער — דאַרף מען לאָזן פאַר זיינע באהאלטענע כאַראַקטעס און אָפּקומענישן· לעסאַטע שמועסט מען פונם פעלד, פון דעם הייסט עס, ווי מ'האָט אים אָנגעטון· וואָרן אויב די פריצע אַליין ראָט אים ניט צו באארבעטן דאָס פעלד אויפן באַרג, נאָר עס אַוועק־גיבן צו די פויערן אויף שיטפּעס אָדער עס זיי איבער־פאַרדונגען!..

מאָטל איז נאָך געווען געבוג באָקי אויף צו פאַרשטיין, וואָס דאָס מיינט· דער פויער ניט האָבנדיק קיין אייגן פעלד פונוואנען צו ציען כאַיונע פאַרן הויז־געזונט, האָט ניט קיין ברײרע, ער מוז אָננעמען פאַר ליב די מאָגערע ערד· ער לעגט אַריין אַרבעט, זוימען, און דאָס גערעטעניש — אויף שיטפּעס· וואָס אָבער פאַר אַ ווערט קען האָבן דאָס גאנצע גערעטעניש פון דעם מאָגערן באַרג, אַז מאָטל האָט באַ־צאָלט ווי פאַר טאָל־פעלד, ווי פעלד פאַר בעריקעס־פלאַנ־טאציעס? ער האָט קיין גרויסער באַלכעשבן ניט באדארפט

זיין אויף צו זען, אַז אָפּגעגאַרט האָט מען אים אויף צוויי דריטל.

איצט איז מאָטלען אָנגעקומען דער ווידערשפּעניקער:

— ער וועט זיי ווייזן!

## 4

אין יענעם קאַנט ווערט דאָס ווייסע ברויט אַראָפּגענומען אין יולי און אָנהייב אויגוסט. סאָף אויגוסט און אָנהייב סעפּטעמבער איז די צייט פונם טאָבישניק און פּאַסאָליעס. שפּעטער קומט קוקורוז, צוקער־בעריקעס. וועדליק דאָס פעלד האָט זיך באַפרייט פונם געוועקסניש האָט מאָטל גע־קענט אַריינגיין אין דער אַרבעט. פאַר יאַנטויוון איז ער אַרויסגעפאָרן אַ קוק טון ווי סע האַלט, מאַכן אַ פּלאַן און אָנהייבן אַקערן.

פויזע.ביים וואָרט אַקערן בלייבט מאָטל שטייען, גלייך דער פלוג פונם זיקאָרן האָט זיך אים פאַרהאַקט. ס׳איז די שליטע וואָס אַ טייל ווערטער האָבן איבער אים. די פינגער ציטערן, וויברירן, די אויגן ברייטן זיך אויס. פונוואַנען קומט צו אים דער אינסטינקט פון אַ פויער, די טיף־זיצנדיקע גאַרונג צו פאַרקען זיך אין איינגעווייד פון דער ערד, זיך פאַרברודערן מיט איר אין פאַרנונפטיקער אַרבעט?

אַרבעט... מאָטלס ליידנשאַפטליכער דעוויז פון די יונג־סטע יאָרן אָן. ניט קיין אָנגעהויכטע פרעמדע טוירע, ניט קיין פּרעדיקט ווי ביי יענע וואָס מיט דאַרשענען אַרבעט זענען זיי אויסן צו באַרעכטיקן זייער אייגענע פוסטעפּאַסע־ווען. פון דער טיפעניש פון דער נעשאָמע איז עס ביי אים געקומען — אַ רוף פונם בלוט: אַרבעט. אַ מענטש איז מע־

כיעוו צו ארבעטן, טאָפּלט מעכיעוו איז אַ יידן!.. פאַרוואָס־זשע האָבן די היימישע — טאטע־מאמע, שכיינים, קרויווים, אלץ לויטער האָרעפּאַשניקעס — זיך גראד אויף אים פאַר־לעגט, ער זאָל ווערן איינער פון יענע איידלע לייט וואָס זענען זויכע אינם פעטסטן כיילעק, כאָטש זיי לעגן ניט צו קיין פינגער? פאַרוואָס האָבן די אָרימע פראָסטע כאַיוועס־קאַיעמס אָפּגעכויזעקט פון זיין יונגער טוירע, פון זיין ציען זיך צו פראצע?

אַ צייט אַזעלכע געווען ער — דאָס שיינדל פון דער אָרימער גאס, איר אַמביציע. צי עפּשער האָבן זיי שוין געוווסט, אַז די טוירע ווי אלע טוירעס, ווערט נוצן נאָר די איידעלע לייט, וואָס צירן זיך אין פרעמדן שוויס, וואָס פרעדיקן און זענען ניט מעקאַיעם? האָבן זיי געוואָלט פאַרהיטן זייער געראָטן קינד, דאָס קינד פון זייער מיט און פּיין, ער זאָל ניט אַריינפאלן פאַר אַ קאָרבן פון די מעקלערס און דיפּלאָמאַטן וואָס דרייען זיך אַרום דער טוירע פון אַרבעט, עלעהיי אַרום אַ בלינדער פריצע?

עס האָט ניט געהאָלפן. און —
מאָטל אימפּראָוויזירט עטלעכע רויע פערזן.

## 5

פון מיין פריסטער קינדהייט האָט דאָס בלוט געצויגן מיך
צום פּראָסטן האָרעפּאשניק.
בעקער־יונגען, שוסטער־יונגען מיר געווען מיינע בעסטע
גוטע־ברידער.
נאָר אַ באנדע מוליערס ביי דער אַרבעט — מיינע
גרעסטע מאַרבאַראַוואָשעס.

אַריינגעוואַקסן איז דאָס האַרץ מיט בענקשאפט אין די
שטיינער־ציגלדיקע לידער.

גוט איז אויך געווען פאַרטאָג אין ביים־האַמעדרעש מיט די
ערשטע דאַווענער.

און היינט נאָך קומען מיר — דעם אַפּיקוירעס — אָפּט צו
כאָלעם יענע לעכטלעך.

ליב איז מיר געווען דער ניגן פון געמאָרע, סיי דער
טעלזער, סיי דער קאָוונער.

און פארגעסן קען איך ניט ביז היינט מיין מאמעס
האַרציקן געלעכטער.

ווען איך וואָס האָב פון יענער צייט שוין אָן געוויזן זיך
אַ ווייסטער כושעם,

פלעג מיטן לעפל אין דער שיסל בלייבן שטיין, זיך
פאַרגעסן און פאַרטראַכטן

ווענן מעל וואָס קומט מיין מאמען אָן מיט טרערן און
אָפּטמאָל אויך מיט בושע,

ווייל נישט איינמאָל פלעג זי דאַרפן גיין עס באָרגן אין די
שפעטסטע אויפדערנאַכטן.

און דעריבער האָב איך נישט אין מיר קיין טראָפּן
ראָמאַנטיזם.

. . . . . . . .

ראָמאַנטיזם... ווער ווייסט וואָס מאָטל פאַרשטייט אונ־
טער דעם!

## 6

יענעם סאָף־זומערדיקן אינדערפרי, ווען מאָטל איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעפאָרן אין פעלד אַריין, האָט ער נאָך אַן האַפּסאָקע פון היבשע עטליכע יאָר געמאַכט אַ נעסיע צוריק אין דער וועלט פון זיין יוגנט, די וועלט וואָס פאַרלאָזט קיינמאָל ניט, וואָס מען טראָגט זי מיט זיך דורכן לעבן ביזן לעצטן טאָג.

אַן איירעך עטליכע־און־דרייסיק ווערסט האָט ער געהאַט צו פאָרן, דעם מײַלעך פון דער שטאָט ווו די פריצע האָט געוווינט ביז צו דעם ברוקירטן שאָסיי אַרום וועלכן סע ליגט די פּאָסעסיע. אַ צייט איז גראַד געשטאַנען... אויף אַזאַ צייט פלעג בעטן זיין טאטע, די שכיינים אין דער גאס: אַ שיינער פּאַריאָנטויוון. אַ באַזונדערער כיין איז דעמלט אויסגעגאָסן אויף דעם קאַנט. ס'איז וואַרים און טרוקן, דער הימל לויטער און דאָס האַרץ פול מיט האָפענונג. אַ שיינער פּאַריאָנטויוון איז אַ בסורע אויף פּאַרנאָסע: מען וועט צונויפנעמען דאָס ברויט בעשאָלעם, דער גוי וועט האָבן וואָס צו פאַרקויפן, וועט ער האָבן מיט וואָס צו קויפן, סע וועט זיין אַ שנאַס־מאַסע־ומאַטן.

פויזע. דאָס איז צוליב דעם „שנאַס־מאַסע־ומאַטן”. מאָטל, נישט נאָר וואָס ער זעט דורך דעם אויסדרוק, ווי לעבעדיק, די גאַנצע גאַס פון זיין קינדהייט, נאָר ער הערט דעם טראָפּ פון איר גאַנג, דעם קלאַנג און די מאָס פון די פוסטריט פון זיין טאַטנס שכיינים, פון זיין טאַטן אַליין. ער הערט זיי גיין, איצט, נאָך פערציק יאָר, ווען זיי זענען שוין אַלע גלייך ווי ניט געווען.

וואָסזשע איז דער כידעש אויב דאָס איבריקע איז ביי־מאָטלען אַ טאָפּל? לויט אים קומט אויס אַ זעלבסטפאַר־שטענדליכע זאַך, אַז ווען מען פאָרט אַרויס אין אַזאַ טאָג מיט די זאָרעס, מיט אַנ׳אייגן פערד־און־בריטשקאַלע וואָס מען טרייבט אָן אַליין, האָט מען דרייסיק ווערסט הימל־פונאויוון, מיט אַזויפיל און נאָכמער פעלדער ביי די זייטן, מיט סטערניס — שיראַים פון אָפּגעשניטענעם ווייסן ברויט, מיט פריש אויפגעקומענעם גראָז צווישן די סטערניס; פעל־דער מיט שטאָלצן גלייכן קוקורוז און מידן געבויגענעם סאָנישניק; באַרג־אַראָפּן און באַרג־אַרויפן; קערניצעס אויף קערניצעס, אַ טייל כוצפּעדיקע מיט הויך־פּאַריסענע זשוראַ־וועל־ן אין דער לופט, אנדערע צניעדיקע, באהאלטענע צישן שטיינער, וואָס דו שפּירסט זיי נאָר מיטן האַרץ און מיט די אָדערן פון די הענט· און דערפער — רעכטס און לינקס, נאָענט און ווייט, אויף באַרג און אין טאָל... קלאָר!

ער באַמערקט דאָך, מאָטל:

— סטאם זען איז נאָך ווייניק. מען דאַרף די זאַכן האָבן אינעווייניק ווי די פּיגמענטן וואָס פאַרבן אונדזער הויט· דעמלט זעט מען זיי אויף אַנ׳עמעס, זיי קוקן דעמלט אַרויס פון אונדז און אונדזער בליק שפּיגלט זיך אין זיי· מאָטל זעט אַזוי·

# באַגעגענישן

## 1

די שטאָט פונוואנען מאָטל איז אַרויסגעפאָרן יענעם גאנצפרי, ליגט אָן אַ זײַט פון דעם ווינקל ווו די געשיכטע קומט אייגנטליך פאָרי ווען מען זאָל וועלן אָנווארפן אַ סכעמע פון דעם ווינקל, וואָלט מען עס געקענט טון אַזוי:

אַוועקשטעלן אַ פינטל און באַצייכענען „מיין שטעטל" — מאָטלס געבורט־שטאָט. וואָרן כאָטש אלע פעדים האָבן זיך שוין לאנג איבערגעריסן צווישן אים און דעם רעאַלן לעבעדיקן מאָקעם וואָס טראָגט דעם נאָמען פון זיין שטעטל, אָבער מיטן אָרט ווו סע ליגט האָט ער נישט איבערגעריסן — ער קען נישט, ס׳איז איבער זײַנע קויכעס, אָדער גאָר ניט אין זיין רעשוס. עס איז די טעריטאָריע פון זיינע בענקשאפטן און פאַרדראָסן.

פון דעם פינטל ציען אַ שלענגלדיקע ליניע פון דאָרעם קיין צאָפן — דער טייך... דאָס איז ד ע ר טייך וואָס ביי זיין ברעג ליגט דאָס שטעטל און אין זיין טאָל, אַ ווערסט צוואנציק ווייטער, געפונט זיך די פאָסעסיע וואָס מאָטל האָט געדונגען ביי דער פריצע דער אַלמאָנע מיטן איינציקן זעעוודיקן אויג — מאָטל קען דאָס נישט פאַרגעסן.

בישכיינעס מיט דער ליניע, גאָר נאָענט, דאַרף מען ציען אַ צווייטע — דעם ברוקירטן שאָסיי, דעם שטראָז־אָט דער שטראָז — ער הויבט זיך אָן אין מאָטלס געבורט־שטעטל, ער וועט זיך צו אים אומקערן ניט איינמאָל אין מיישעך פון דער דערציילונג, און לעבן שטראָז, זיך פּלאָנ־טערנדיק אין אים און איבערשניידנדיק אין אַסאַך ערטער — אַ ליניע, די באַן, אָט די באַן...

צום צווייטן מאָל אין מיישעך פון דער געשיכטע טוט מאָטל אַ קרעכץ. ער שלינגט אים איין אין זיך — ס'איז ניט פאַר פרעמדע.

ביי די ברעגעס פון די ליניעס, צווישן טייך, שטראָז און באַן־ליניע, אַ מענגע פּינטעלעך — דערפער, ערגיץ אין דער מיט שטעלט מאָטל געדאנקליך אַ שטריך: דאָס דאָרף פון דער פּריצעס פּאָסעסיע, וואָס אויף זיין נאָמען הייסט עס:

— ציגאַנעשטי.

פון אָט דעם פּינטל ווען מען זאָל ציען אַ נייע ליניע קיין מיזרעך־זייט, וואָלט עס געקענט באַטייטן: דער באַר־גיקער גרונט־וועג צו דער שטאָט פונוואנען מאָטל איז אַרויסגעפאָרן יענעם גאַנצפרי, ס'ערשטע מאָל, אין פעלד אַריין. פאָרנדיק פון דאָרטן האָט מאָטל פונם באַרג אַלץ געהאַלטן אין איין פאָרשטן מיטן אויג, צי וועט ער נישט דערזען דעם טייך פונדערווייטנס? ער האָט אים דערזען. עס איז געווען דערזעלבער... זיין טייך.

מאָטל געדענקט, ער האָט אַ שמייכל געטון צו אים, צו זיך.

## 2

ווי נאָר ער איז אַראָפּגעקומען פונם באַרגיקן גרונטוועג

און באַרירט דעם היימישן שטראָז, האָט מאָטל דערפילט גלייך ווי אַ גוט ווינטל וואָלט אים דורכגענומען: ער איז געוואָרן יונגער, רירעוודיקער; אַזוי האָבן זיך באַדאַרפט דערפילן אַמאָל זיין טאַטע, זיין טאַטנס שכיינעם, די דאָרף־סאָכרים, באַלמעלאָכעס, באַלעגאָלעס בישאַס זיי פלעגן זיך אַרויסראַטשקעווען פון די זומפיקע שליאַכן און אַרויף אויפן שטראָז. דאָס האָט זיך מיסטאמע טאַקע זייער פרייד צו אים איצט איבערגעטראָגן, ווייל ער אַליין האָט מיט אים, מיטן שטראָז, אויף דעם אָרט קיין מאַגע ומאַסע ניט געהאַט קיינמאָל פריער. ביי דער געלעגנהייט פאַרצייכנט מאָטל, אַז אין דער גאַס פון זיין קינדהייט פלעג מען דעם שטראָז רופן אויך „דער ווייסער וועג", בישאַס דעם גרונט־שליאַך פלעג מען אַמאָל אויך רופן „דער שוואַרצער וועג". דאָס פאַרצייכנט מאָטל סטאַם אַזוי.

ער האָט געהאַט צוצופאָרן נאָך עטליכע ווערסט מיטן שטראָז ביז צו דעם פונקט, ווו סע געפונט זיך די פאָסעסיע מיט דעם הויף, אין וועלכן די אַלמאָנע האָט געוווינט אַמאָל, בישאַס זי האָט נאָך געפירט באַלעבאַטישקייט. פון דעם הויף איז זי אַמאָל אַנטלאָפן אין אַ פרילינג־נאַכט אין איי־נעם אַ יאָר, ווען ס'האָט זיך געדאַכט אַז אלע קנופן ווערן אויפגעבונדן און אלע פלאָנטערס אויפגעלעזט. דעמלט איז די אייגאַויגיקע אנטלאָפן באַגלייך מיט אלע פריצים און שוין אין שטאָט פארבליבן; דעמדאָזיקן הויף, מיטן גאָרטן, מיטן טעכל ביים הויף, האָט מאָטל אויך אָפגעדונגען איינ־איינעם מיט דער פאָסעסיע. ער קען דאָרטן ווינען, פאַר־דונגען, סטאַם נוצן. דאָס שטיקל וועג פונם אָרט חו דער באַרגיקער גרונט־וועג שליסט זיך אָן אינם שטראָז, איז

מאַטל אָפּגעפּאָרן ווי אַ מיזמער. נאָך די באַרג־אַראָפּן און באַרג־אַרויפּן פונם שוואַרצן באַרג־וועג איז געווען אַ פאַר־געניגן אַ לויף צו טון מיט דעם לעבעדיקן גלייכן שאָסיי. עס האָבן זיך געפּרייט: מאָטל, דאָס פערד. און ווען ער זאָל זיך ניט שעמען, ווען ער זאָל ניט מוירע האָבן אַזוי פאַרן כשאָד פון אַ מעליצע וואָלט ער געזאָגט, אַז דעם וועגאלע האָט אויך האַנאָע געטון.

3

וואָס זשע זאָל ער טון, מאָטל, אויב יעדער האָרב פונם באַרג־וועג, יעדער האָפּ־אַראָפּ און טרייסל אַרויף, איז אים אין האַרצן פאַרבליבן מיט אַזויפיל טיקן און אונטערשפּרונ־גען? און ניט נאָר פון דעם וועג: פון אלע וועגן וואָס ער האָט באַטרעטן אין זיין היימלאנד. ער האָט נאָך ניט אָנגע־הויבן רעכט דערציילן אָט דאָס באַטרעטן די וועגן. און פאַרוואָס נאָר זיינע? אויך זיין טאטנס, זיין מאמעס, זיינע זיידעס און באָבעס, פעטערס, מומעס, קרויווים, שכיינים — יעדער טראָט פון זיי אויף די וועגן איז אין אים איינגע־דריקט, מאָנט ביי אים זייער לוין, זייער סכאַר פון מי און יעסורים, זייער פאַרוואָס און צוואָס.

אויך די קערניצעס אויף די וועגן... נאָר ניט אלע קערניצעס זענען גלייך — פאראן אַ קערניצע און אַ קער־ניטשקאלע. נישט ביי אלע גלייך פלעג מען זיך אָפּשטעלן אַ רו טון און מיטן געדאנק טון אַ בלאָנדזע אַרום זיך. אַרום — ערד.

איז אָט, ווען ער האָט זיך געגיבן אַ לאָז אַראָפּ פונם גרונטיקן דורך די וואסערן צעמוליעטן באַרג־וועג, צום

שטראָז, איז אויף דעם אָרט ווו די צוויי וועגן שליסן זיך אָן, שטייט אַ קערניצע: אַ ברייטע, אַ באַלאַבאַטישע, מיט אַ הילצערנעם הויכן פּאָרענטש אַרום, מיט אַ גרויסן זשוראַוועל ווייט אין דער לופט אַריין: אַ קאַנטאָן פון אַ באַן־וועכטער, אַ רויטע ציגל־געביי, שטייט ביי דער קערניצע, מיט ביימער אַרום. דער טאָל ליגט פאַר די אויגן אַ אויפגעדעקטער, אַ פריילעכער, אַ יישוווּדיקער — דערפער, דערפער, דערפער: און אַ באַן־סטאַנציע מיט וואַגאָנעס, לאָקאָמאָטיוון וואָס מאַנעווּרירן: און די פעלדער — בוראַקעס ברייט־צעוואַקסענע וואָס וואַרטן נאָר אויפן צוריר פונ[illegible] גאָפּל אַז זיי זאָלן אַרויסקומען און, דאַכט זיך, אַליין אַוועקגיין...

— מאָטל!..

מאָטל פאַרהאַלט דאָס פערד וואָס האָט נאָך דעם געשמאַקן טרונק ביי דער קערניצע וואָס לעבן די ביימער, אַ נעם געטון מיט כיישעק, ער פאַרייסט דעם קאָפּ צו זען ווער ס׳האָט אים גערופן: עפּעס אַ פאַרברענטער קאָזאַק אין ציווילן לאַכט צו אים אַראָפּ פון אַ הויכן אומרויקן פערד:

— איר דערקענט נישט אייער טאַלמיד?

מאָטל האָט נישט ליב, אַז מען דערמאַנט אים זיינע יונגע יאָרן: צופיל באַנג ווערט אים: ער טוט אַ וויש אין זיקאָרן, דערמאַנט זיך: אין זיינע פריילעכע עקסטערן־יאָרן, לעקציעס געגיבן... אַ גוטער לערער געווען... געהאַט די בעסטע טאַלמידים: אָט־דער אויפן פערד, אַ זון פון אַ רייַכן יידישן יישוווניק, איז איינער פון זיי געווען, אָבער זיך צו גאָרנישט ניט דערלערנט, פונקט ווי דער לערער... אַ דאָרפס־יונג אַ פאַרליבטער אין מיידלעך און אין פערד, האָט אים

ניט געשמעקט ניט קיין לאָגאַריטמען, ניט קיין דולעניש־ן מיט פאַראַלעלאָפּיפּעדן און עליפּסען.

— וואָס טוט איר דאָ?

— וואָס א י ך טו דאָ?... לאַכט דער רייטער, וואָס טוט א י ר דאָ?

און:

— האָט איר טאַקע אָפּגעדונגען דאָס פעלד ביי דער אַלמאָנע?

פּויזע. דער רײַטער קוקט אַראָפּ שמייכלענדיק־פּאַר־שענדיק, די פונק־שוואַרצע אויגן בלישטשען אַרויס פונם אָפּגעברענטן פּאָנים, אָבער באַלד — מיט פּאָרוואורף:

— איר האָט ניט געקענט זיך אָנפרעגן פּאָרויס ביי מיר? איך בין אַ היימישער, כ'קען אַ יעדעס פּיצל פעלד אַרום־און־אַרום.

פּויזע. פונם הימל טריפט אַזויפיל בלויקייט, אַזויפיל בלויקייט. אויפן שטראָז ווימלט עס מיט וועגענער, אויטאָס, פּוסגייער. מענגעס פויערשע הענט און קוטשמעס באַגריסן, ווייזט אויס, לעקאָוועד דעם רייטער, און ער קוקט אויף מאָטלען מיט פּאָרוואורף און באַדויערן. און:

— איר רעכנט טאַקע צו באַארבעטן דאָס פעלד?

דאָס פערד רײַסט זיך, וויל ניט איינשטייען, קעמפט מיט דער פעסטער האַנט וואָס האַלט דעם צוים, די האַנט וואָס לערנט עס דערעכערעץ.

— האַקלאַל, זאָל זיין מיט בראָכע... אויב איר דאַרפט עפּעס קומט אַרויס צו מיר, איך וווין ביי דער סטאַנציע. מיט וואָס כ'ל נאָר קענען... אַלדאָס בעסטע!

און אַוועק גאַלאָפּ מיטן שטראָז.

## 4

דאָך אזוי איז דאָס באַגעגעניש באָטל געוואָרן בעשישים אין דעם אינדערפרי וואָס האָט מאָטלען אָט־דאָ, אויפן שטראָז, מיט אַזאַ יונגן כיישעק אַרומגענומען און צו אים מיט לאָשן פון אָפענער ווערט, אַ וועלט אָפן צו אַרבעט, אַ רעד געטון· דאָס גאנצע מיסכער איז פאַרבליבן ערגיץ פון יענערזייט נעכטיקן טאָג, פון יענערזייט אָפּגעפּאָרענעם וועג· ער איז נייגיריק געווען, מאָטל, אָנצוקומען וואָס גיכער צום פעלד, צום הויף· אָט־דער הויף, ווי אַזוי איז ער ניצל געוואָרן פון סרייפע און כורבן, בישאַס אלע פריצישע הויפן אין דער געגנט זענען געוואָרן אויסגעגלייכט מיט דער ערד?..

מאָטל האָט זיך באלד דערפרעגט אַהין, עס איז אים ניט אָנגעקומען שווער, ווייל דער הויף איזביים שטראָז· קיין טויער צום עפענען ניט געהאט, ווייל ער איז ניט געווען· נאָר אן אלט כאָרעוו בריקל אַריבערצופאָרן איבער דעם גראָבן וואָס טיילט אָפּ דעם וועג פונם פעלד· אַרומען הויף קיין סימען פון קיין פּלויט, עס איז אָבער פאַראַן אַ נאַטירליכער צוים: אַ הויכע ריפּע, אַ ברעג פון אַנ'אויסגעטרוקנטן טעכל, שיצט עס פון צוויי זייטן, פון דער דריטער זייט אַ ערד־אָנשיט באַוואַקסן מיט שטעכעלקעס, און אַרום איז פעלד· דער הויף אַליין — אַ געוויינליכע דאָרפישע כאַטע, נאָר אַ גרעסערע און געדעקט מיט שינדל· מאָטל האָט זיך געדרייט אין הויף, געזוכט אַ סימען פון אַ לעבעדיקן נעפעש און ניט געפונען· געזוכט הינטער דער שטוב און געטראָפן אַ גאָרטן מיט שטעכעלקעס, אַ פאַרלאָזעניש, אַ סעדל מיט עטליכע איבערגעטריפּישיעטע פלוימען־ביימלעך. אַפילע ניט קיין בייס־האַקיסע, אַפילע ניט קיין



Speizman Jewish
at Shalom Park
5007 Providence Road
Charlotte, NC 28211

הונט ביי דער שטוב· די פענצטער זענען דאָך פאַרהאנגען אינעווייניק מיט ווייסע פירהענגלעך· הייסט עס, מען ווינט דאָרטן· מאָטל האָט אָנגעקלאפט···

דאָ האָט ער געהאט אַ באַגעגעניש וואָס איצט, בישאַס דערציילן, לאַכט ער· אָבער דעמלט איז אים קיין געלעכטער ניט אָנגעגאן:

··· איך קלאפ לאנג אין טיר. קלאפ, הער אויף, וואַרט איבער אַביסל און קלאפ ווידער· עפנט זיך די טיר און סע קומט אַרויס אַ שיקסע אַ צעכראסטעטע, אַ קייַסענטע, אַ שעלטערן און — ניט זי פרעגט מיך, ווער איך בין און וואָס איך וויל, נאָר נעמט שיטן טויטע קלאָלעס אויפן פעלד, אויף דער שטוב, אויף דער פריצע — דעם „בלינדן שעד״· זי שטופט מיר אין די אויגן אַריין אַ פאַפיר, אַ קאָנטראַקט פון דער פריצע, אַז די שטוב קער צונ׳איר, צו דער שיקסע· דערביי איז זי מיר מוידיע, אַז דאָס פעלד אין טאָל אַרומען הויף וועט זי מיך ניט לאָזן באַארבעטן — ס׳איז אויך אירס· זי דערקלערט:

— אייער פעלד איז דאָרטן אויוון, אויפן באַרג·

זי איז אויף אַזויפיל פריינטליך און ווייזט מיר אָן אַהין, קיין מיזרעך, אין דער ריכטונג פונוואנען איך בין אָנגע־קומען מיטן גרונט־וועג· דערביי גיט זי מיר אַ סימען:

— אָט־אָ דאָרטן··· דאָרטן, דער פליך צווישן צוויי גרינע עקן··· דאָרטן איז אייַער פעלד!

און דאָס אלץ אויפן לאָשן פון דער נייער מאַכט, מיט דער קאַוואָנע מיך איבערצושרעקן, מיך דעם יידן·

# נאָך טאָפּאָגראַפיע

## 1

דאָס דאָרף פון דער פּריצעס אימעניע, וואָס אויף זיין נאָמען הייסט עס, ציגאנעשט, האָט מיסטאמע אין די צייטן פון פּאַנשטשינע געקערט אינאיינעם מיט די שכיינעסדיקע דערפער צו איר טאטן אָדער צו איר זיידן. סע ליגט אַ פּאָר ווערסט נידריקער פונם הויף, אָפּגעווייטערט פונם שטראָז, אין אַ זומפּ וואָס גייט איבער אין אַ זאמדיקער דיונע ביים סאמע ברעג פונם טייך. אלע דערפער לענגאויס דעם טייך ליגן אַזוי, אָבער בישאַס די אנדערע דערפער האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט, זיך אַרויסגעדראפּעט פונם זומפּ, צום שטראָז צו, אלץ העכער, אַרומגעכאפּט אים און די באַן-ליניע פוןביידע זייטן, זיי איינגענומען, איז דאָס דאָרף פאַרבליבן זינקען אינם זומפּ, אָן אַ זייט פונם פריילעכן טראַקט, פונם שטראָז.

פויזע. מאָטלס געדאנק וויקלט זיך ווי פּאַרקישעפּט אַרום דעם וואָרט. ס'איז אים ניט מעגליך זיך אָפּצוטיילן דערפון ביז ער וועט ניט אָפּוויקלען די סטענגע:

— אויף דעם שטראָז פלעג מיין טאטע זאָגן מיט

פאַרליבטער גאַדלעס, אַז ער „זידט בייטאָג און ביינאַכט". ער האָט ליב געהאט דעם שטראָז, געדענקט ווי מ׳האָט אים דורכגעלעגט — ער איז נאָך דעמלט געווען אַ קונדעס... דאָס איז דער איינציקער שאָסיי אין דער סוויווע, עפשער אין דער גובערניע, עפשער אין גאנצן לאנד — קיין אנדערן האָט ער ניט געקענט. קיין בעסערער איז אַוודאי ניט פאראן אינערגיץ, סיידן ערגיץ ווײַט אין אויסלאנד, ווער זשע איז געווען דערביי?.. ער הייבט זיך אָן ביים סאמע ברעג טײַך אין מיין געבורט־שטעטל, וואָס איז אויך מיין טאטנס געבורט־שטאָט, וואָס אויף זיין בייסאוילעם רוט ער, מײַן טאטע, און אויך זיין טאטע און מיין מאמע און זיין מאמע — וויי‍טער געדענק איך נישט. דאָס דורכלעגן דעם שאָסיי האָט געדאַרפט זיין אַ וויכטיק געשעעניש אין יענער צייט. ער ציט זיך לענגאויס דעם טײַך אַן איירעך פופציק קילאָמעטער, קימאט אויף איין ניוואָ, די גאנצע צײַט — פלאכלאנד. ער שנײַדט דורך אַ מענגע דערפער, פון איינעם אַרויס, אין אנדערן אַריין און די גאנצע צייט פילט מען דעם טײַך: אָט טוט ער זיך אַ פאַרבאָרג אויף אַ האלבער שאָ און באלד באַווייזט ער זיך ווידער, שמייכלט, ווי איינער רעדט: „איך בין עס, דיין טײַך, דער טײַך פון דיינע אָוועס, פון דײַן פריעסטער קינדהייט, דער זעלבער אין וועלכן דיין טאטע — כאָטש אַ טאטע — איז געשווימען, זיך געשעמט און דאָך געשווימען, ניט געקענט בײַשטייען... און אויך דיך געלערנט און דו — שויטע! — האָסט געציטערט, מוירע געהאט, ביז אַליין געוואָרן אַ גרויסער און אַ שווימער און איינמאָל, צי מערער, זיך שיער ניט דערטראָנקען — דערינען בין איך ניט שולדיק".

פויזע· מאָטל אַליין הייבט ערשט אָן זיך אָפּגיבן רעכט כעשבן, ווי טיף סע זיצט אין אים דער פּייזאַזש פון זיין יוגנט· אלטע פאַרגעסענע פערזן, נאַאיווע ווי זיינע פרילינג־יאָרן, קומען צושווימען· זענען עס זיינע, אָדער פרעמדע, געליִיענטע ?

## 2

גוט איז צו פאָרן אַ טאָג מיט אַ נאַכט
פאַרהילט אין אַ בורקע, די אויגן פאַרמאַכט,
אַ טאָג מיט אַ נאַכט זאָל גלאנצן דער שליאַך
און בלאָנדזען אין קאָפּ זאָל אַ זילבערנער טײַך·
זילבער דער טײַך און טונקל דער ברעג,
צופיסנס אין וואָגן דרימלט דער שרעק·
אין אַ זעקל אַ קליינעם פארבינען דער שרעק·
אַ טאָג מיט אַ נאַכט,
אַ טאָג מיט אַ נאַכט·

. . . . . . . .

## 3

דאָס איבערגעפלעכט פון נאַכט, וועג און טײַך איז ביי מאָטלען שיער ניט קאָנקרעט· ער פרוווט אַמאָל זיך דער־ביִוען צום שוירעש, כאפּט זיך אָן אין די ברוכשטיקער, וואָס לאָזן זיך טויפעס זיין, קריסטאַליזירן זיך אינם זיקאָרן: אויף דעם שטראָז האָט ער געמאַכט זיין ערשטע גרויסע נעסיע דורך דער וועלט, געמאַכט די נעסיע ביינאַכט· איז אים פאַרבליבן אַ יעדער שאָרך, יעדער באַזונדערער וויג

אינם ריטם פונם פּאָרן, דעמלט איז ער אלט געווען — דאַכט אים — אַ יאָר דרייצן, פאַרמאָגט אַן אויבערצירל און אַביסל אומרו און נאָך מיט קיין באַן ניט געהאט גע־פאָרן, האָט זיך אים געמאַכט אַ געלעגנהייט צו זעען די וועלט. אַ פעטער, דעם טאטנס אַ ברודער, וועלכער האָט געוווינט אין אַ שטעטל פונקט אין אנדערן עק שטראָז, דאָרטן ווו ער ענדיקט זיך, האָט געקויפט ביי זיי אין שטאָט פיש, אַ פאס קאַרפן און אַ פעסל קאָרעסן, און זיי אָפּגע־שיקט מיט אַ גוי צו זיך אין שטעטל. עס איז געווען איי־רעוו הוישאַנע ראַבע און די פיש האָבן אינדערפרי געמוזט זיין אויפן אָרט. האָט מען אויפגעזעצט מאָטלען מיטן פע־טערס אַ יונגל, וואָס האָט געלערנט ביי זיי אין שטעטל, צום גוי אויף דער פור, זיי זאָלן אַכטונג גיבן, אַ גאנצע נאַכט זענען זיי געפאָרן און אַ שטיק אויפן טאָג, דעם שטראָז דורכגעפאָרן, אלע דערפער. „די פיש, זאָגט מאָטל, האָמיר געבראַכט צו דער צייט״.

וואָס־זשע איז ער אויסן מיט דעם זאָג? האָט אַרויס־גערעדט פון אים פאַרביטערונג, פאַרדראָס אַקעגן דעם מאַ־טעריעלן און אוטיליטאַרן וואָס האָט ווי אַ פּאַראַזיט זיך אָנגעזעצט אויף זיין לעבן, אָפּרויבנדיק זיין אינטימען אָנקער מיט דער וועלט, וואָס האָט זיך געצויגן צום סאמע הייפּעך פונם אוטיליטאַרן צוועק? אָדער געוואָלט נאָר אַ צי טון אַ שלייער איבער דער זעאונג וואָס שפּיגלט זיך דורכן זיקאָרן פאַר זיין אויג: אַ שטיק ווייטער אינדערפרי איבער אַ פרעמד שטעטל מיט פרעמדע יידן, און אין צענטר אַ הוי־שאַנעראַבעדיקער מאַרק מיט די זעלבע יידן וואָס וואַרטן אויף די פיש. די פיש, קאַרפן און קאָרעסן קומען פונוואַנען

זיי קומען — צי איז דען אַ כילעק פונוואַנען זיי קומען? —
און, יאָ, אַדאַנק דעם אייבערשטן, צו דער צייט, די יידן
בישאַסן עסן די פיש האָבן געזאָגט, אַז איינער אַ יונגל
מאָטל מיטן צונאָמען אומרו האָט זיי באַלייט אַ גאַנצע
נאַכט איבערן שטראָז? אַ גאַנצע נאַכט.

מאָטל וועגדט אָפּ זיין אויג דערפון, ער האַלט ביי עפּעס
אַנדערש איצט, אין דער־אָ רייגע.

ער האַלט ביים שטראָז.

## 4

— אַסאַך כאַלוימעס, מיין טאַטנס און מיין מאַמעס זענען
אויף אים געפאָרן, אויך דער כאָל־עם פון מיר, פון מיין
קומענדיקן זיין, און אין דעם כאָלעם האָט זיך אַריינגעריסן
אַ בייזער קאָשמאַר. איין מאָל — אַזוי האָט מיר מיין טאַטע
דערציילט — איז ער אַהיימגעפאָרן מיט דער מאַמען פון
דער שטאָט אין וואַלד אַריין — „מ׳האָמיר דעמלט געהאַקט
קאָסטיקאָו״ — און ווי נאָר זיי זענען אַריינגעקומען אין
וואַלד — האָט זיך אַרויסגעיאָוועט פון געדיכטעניש אַ וואָלף.
דער וואָלף האָט זיך נאָכגענומען נאָך זיי, גייט נאָך ווי אַ
ניט־גוטער... „מיר פאָרן און ער נאָך אונדז האַלט זיך נאָך,
גייט די גאַנצע צייט אין איין מאָס, אַקעגן פערד... דאָס
פערד שרעקט זיך, וואַרפט זיך אין אַ זייט, רייסט די וואָזש־
קעס, כ׳האַלט עס קאָם איין... און דאָ — איך טו אַ קוק
אויף דער מאַמען, זע איך, זי איז אינגאַנצן פאַרענדערט
געוואָרן פאַר שרעקן. מאַך איך צו איר: גאָט איז מיט דיר...
ס׳איז זומער — געווען עלול־צייט — זומער זענען זיי ניט
מעסוקן... און די מאַמע — די אויגן קריכן איר מיינע סאָנים

אַרויס פונם קאָפּ. און דאָ איז זי געהאַט פאַרגאַן אין טראָגן מיט דיר"... האָט ער זיך דערמאָנט אַז ער האָט געקויפט אין שטאָט שוועבעלעך און אין וועגעלע איז געווען טרוקן היי. האָט ער אָנגעצונדן אַ וויכעט און דער וואָלף האָט אָפּגעטרעטן. „די מאַמע איז דעמלט אַריינגעפאַלן, ניט איצ־טער געדאַכט, אין אַ מאָרע־שכוירע, ניט געקענט ביזן דער קימפּעט. ערשט ווען דו ביזט געבוירן געוואָרן האָט זיך איר די מאָרע־שכוירע געפּעלט"... אַזוי האָט מיר מיין טאַטע דערציילט, די מאַמע האָט שוין דעמלט ניט געלעבט...

פויזע. מאָטלס פּאָנים איין שטיק כמאַרע. ער באַמערקט, קאָם צו הערן:

— ווער ווייסט, אויב נישט יענע באַגעגעניש מיטן וואָלף איז מיר שולדיק אין אַלעמען. און אויך אין דער געשיכטע.

## 5

די באַגעגעניש מיטן וואָלף איז נישט די איינציקע שרעק וואָס מאָטל האָט איבערגעלעבט אין דער מאַמעס בויך. עס איז געווען נאָך איינער. אויך אין וואַלד. אָבער פונוואַנען האָט זיך גענומען אַזער וואַלד? ער האָט דאָך געהאַלטן ביי שטראָז?

ווי ס׳ראָוו נאַטור־גוטע מענטשן שמייכלט מאָטל מילד, אויפריכטיק. אָן אַ שאָטן פון פּאָזע:

— מיין זיידע, דער מאַמעס טאַטע — אַ ייד אַ דאָמב — איז געווען קאָל־יומאָוו אַ וואַלד־מענטש. זיינער אַ רייכער קאָרעוו פון אַ ווייטער שטאָט אין אוקראַיִנע, מען פלעג

דעמלט זאָגן: פוילן, האָט געהאלטן אלע וועלדער אין אונד־זער געגנט און מיין זיידע איז געווען דער ניימען. אויף זיינע הענט די אלע וועלדער. ער האָט זיי געהאקט. אויס־געהאַקט איין וואלד, איז ער איבערגעפאָרן אין אַ צווייטן, אַ דריטן. מיטגעפירט מיט זיך טעכטער, איידעמס, אייניק־לעך, קיין זין ניט געהאט. מיין מאמע איז געווען די יונגסטע טאָכטער, די מוזינקע און מיין טאטע דער יונגסטער איי־דעם. עטלעכע יאָר נאָך דער כאסענע האָבן זיי געלעבט ביים זיידן באַגלייך מיט אלע איידעמס און אייניקלעך. איך בין שוין אָבער געבוירן געוואָרן אין שטאָט, עס איז געווען נאָך דעם ראַבונעק.

מאָטל רוט אַ ווײַלע, אַזויפיל וויפל ער באַדאַרף אויף צו פאַרטרײַבן די וועלף פון זיינע פלייצנדיקע אָנרעגונגען:

— ס׳ווייזט אויס, אַז אין וואלד האָט זיך זיי גוט גע־לעבט. מ׳ין טאטע פלעג רעדן מיט גרויס בענקשאפט וועגן יענער צייט: זיי האָבן געהאט פּאַליאַנעס וואָס זיי האָבן אַליין באַארבעט, זיי האָבן געהאלטן קי, מ׳האָט זיך געבאָדן אין אלעם גוטן... אדאנק די דערציילונגען האָב איך אין קאָפּ געהאט אַ מין טאָפּאָגראַפיע פון דעם ווינקל, געקענט די נעמען פון די דערפער, ווייל אויף זייערע נעמען רופט מען די וועלדער. די נעמען זענען באַפעלקערט מיט נעמען פון מענטשן: גויאישע ליעסניקעס און זייערע ווייבער, יידן־סאָכרים וואָס האָבן געהילץ געקויפט; דאָרפס־קרעמער, ביי וועלכע מען פלעג איינקויפן פון דער שטוב וועגן... ביי וועלכע מען פלעג איינשטיין אונטער אַ יאָנטעוו; די נעמען פון זייערע ווײַבער מיט וועלכע מען פלעג זיך גוט פאַר־האלטן. דער ראָוו פון די מענטשן איז שוין געהאט מיסטאם

לאנג אויסגעשטאָרבן און אין מיין טאַטנס בענקשאַפט האָבן זיי געלעבט, ווי ער לעבט אין מיינער. צווישן די נעמען איז אויך געווען דער נאָמען פון דעם דאָרף פון מיין פּאָ־ סעסיע, וואָס כ׳האָב געדונגען ביי דער פּריצע דער אַלמאָנע מיטן איינציקן זעעוודיקן אויג.

# ציגאנעשט

## 1

דאָס אָרימסטע דאָרף אין דער געגנט, דער פּאַריער צישן די דערפער. עפּשער דערפאַר מאַכמעס ס'האָט געהאַט צופיל פּריצים. עפּשער דערפאַר ווייל דער טאַטע פון דער אַלמאָנע האָט צוגעוואָרפן דער געפעלטער טאָכטער דעם מאָגערסטן טייל פון זיין מאַיאָנטעק. די פּויערן פון די שכיינעסדיקע דערפער שפּעטן אָפּ פון די ציגאַנעשטער, רופן זיי „ציגיינער", כאָטש ס'איז נישט עמעס. עמעס איז נאָר, אַז דאָרטן לעבן אויך ציגיינער, אַסאַך ציגיינער. די גוים פון די שכייניסדיקע דערפער מאַכן כויזעק פון זייער אַרבעט, זאָגן אַז זיי זענען פּויליאַקעס. דאָס איז שוין מער עמעס. כאָטש ס'איז אַ פראַגע צי זיי זענען דערין שולדיק.

מאָטל קלערט נאָך אַ ווײַלע:

— כ'האָב, דאַכט מיר, שוין דערמאָנט, אַז דאָס דאָרף ליגט אַ פּאָר ווערסט אָן אַ זײַט פונם שטראָז, גאַנץ אַראָפּ אינם זומפּ, צום טײַך צו. דאָ אויוון, אין דער טרוקעניש, ביים שטראָז האָבן זיך צעלעגט אַ אנדערטהאלבן צענדליק קליינפּריצישע הויפן: געוועזענע רוסישע אָדנאָדוואָרצעס,

מאָלדאווישע רעזעשעס, יאָרשים פון קליינגוטיקע פּריצים, אַ פּאָר אויפגעקומענע קאצאפּעס־קולאקעס וואָס האָבן זיך באזעצט דאָ נאָך אין די צאַרישע צייטן. דאָס דאָרף רופט זיי האַכנאָעדיק „פּאָריץ" און „פּאָריצל", איז זיי שטענדיק פאַרשולדיקט, פאַרקויפט זיי דעם זומער אינמיטן ווינטער פּאַר אַ געבאָרגט מעסטל קוקורוז־מעל, פּאַר אויסשטיין אַ קווורע אָדער אַ קרעסטינע. דאָס אייסעק ווערט געמאַכט אויפן וואָרט, אָן פאַרשרייבעכץ, ס׳הייסט שרייבן שרייבט נאָר איין צאד. פּאַר קיין אָנזעץ האָט מען ניט מוירע, ווייל דער קאַנטשיק איז שטענדיק אָנגעגרייט: דער זומער אנט־לויפט ווי אַ שטאָט־מענטש, ווי אַ דורכפאָרנדיקער גובער־נאטאָר אָדער אַ מיניסטער, בישאָס דער ווינטער — ער איז שטענדיק. די הויפן גרעניצן צישן זיך, קייטלען זיך, גאָרטן ביי גאָרטן, מען לעבט אָבער אָפּגעזונדערט, אויפן דאָרפישן שטייגער. דאָ, ביים פריילעכן טראַקט, אויפן סאמע העכסטן אָרט, אין פראָנט פון אַל־ע הויפן, שטייט דער קלויסטער־פריי, פאַר זיך שטייט ער, גלאָצט מיט די פענצטער אויף אַלע פיר ווינקלען פון דער וועלט, קוקט אַריבער צו דער שורע בערגלעך וואָס פון יענער זייַט שטראָז און באַן־ליניע, די שורע בערגלעך — אָרימע קליינפּריצישע קרויווים פון די ייכעסדיקע קאַרפּאַטן וואָס ווינען ערגיץ ווייַט. דאָרטן, אויף יענע בערגלעך, אינמיטן אַקאַציע־פּאַרקן און פּרוכט־סעדער, זענען נאָך גאָר ניט לאַנג, פאַר דער רעוואָלוציע, געשטאַנען די פּאַלאַצן פון די גרויסע פּריצים, דאָס ראָוו ברידער און שוואָגערס פון דער איינאָויגיקער. איצט איז פון די פּאַלאַצן געבליבן בלויז סרובעס, די פריצים ווינען אין די שטעט, פון די טויזנטער העקטאַרן זענען פאַרבליבן

הונדערטער און אויך די באַארבעטן פּאַכטערס, דעריקערשט צוליב צוקער־בעריקעס, דער קלויסטער האָט גאָרניט פאַר־לוירן: געווען פּוילישע פּריצים וואָס האָבן זיך רוסיפיצירט אויף אַזויפיל וויפל ס'האָט זיי געלוינט, איצט ביי דער נייער מאַכט זענען זיי צוריק פּאָליאַקן, ביז ס'וועט זיך לוינען עפּעס אנדערש. דער קלויסטער האָט גאָרניט פאַר־לוירן, פּונקט ווי דאָס ציגאַנעשטער אָרימקייט האָט גאָרניט געווינען, געווען פּאַריער און געבליבן פּאַריער, כוץ אַ פּאָר קול־אקעס...

פויזע. דער איניען גייט מאָטלען גאָר נאָענט אָן די רעוואָלוציע און דאָס ווינקל — ער האָט אויך עפּעס אַריינ־געלעגט דערינען, האָפענונגען אַסאַך און ליידן נאָך מערער, ער מעג, מאָטל, אַביסל נאָכקלערן... ער האָט אָבער פאַר־געסן, וואָס שייך ציגאַנעשטש, אַ קליינעם פּראַט:

עס איז יאָ עפּעס צוגעקומען: אַ שולי אין דער שול־איז פאַראַן אַ לערערין, די לערערין וווינט אין „הויף" ביי דער פּריצע, דער הויף וואָס קער צו אים לויטן קאָנטראַקט.

## 2

ער איז האָפערדיק, מאָטל... האָט ער זיך דערמאַנט אָן עפּעס וואָס מאַכט אים ליכטיקער און גרינגער? ער זאָגט קימאַט אין שפּאַס:

— אַפּאָנים אַ באַשערטע זאַך, אַז אין מײַנער אַ גע־שיכטע מוז זיך אַריינפּלאָנטען אַ שיקסע, די־אָ איז שוין אָבער קיין מאַריאַנע ניט געווען... אַ שאָד, איך טראַכט צומאָלס, וואָס אַ שטייגער, ווען איך קום צופאָרן אַזוי און אנשטאַט דער שעלטערין קומט מיר אַקעגן מאַריאַנע? וואָרן

לויט די יעדיעס וואָס זענען צו מיר דערגאַנגען וועגן איר, איז זי נאָך דער מילכאָמע געוואָרן אַ לערערין. וואָס־זשע האָט געפעלט, אַז ס׳זאָל אַזוי טרעפן? אַ קליינינקייט דאָך!..

וועגן וואָס קלערט ער איצט, מאָטל? וועגן די „קליי־ניקייטן" אין לעבן, וועגן די „קליינינקייטן" אין זיין אייגע־נעם לעבן וואָס האָבן אַזוי מיט זיין גורל רעגירט און געמעגט זיין... אַנדערש? אָדער ער שפּיגלט זיך גאָר אין דעם בילד מאַריאַנעס פון דער דערמאָנונג אַרויסגערופן?

— זי איז ניט געווען מאַריאַנע. און ניט אין שיינקייט גייט עס. קיין מיעסע איז די־אָ אויכעט ניט געווען און אין די פריִע מיידל־יאָרן געמוזט זיין אַ גאַנץ שיינע, אָבער דעמלט בישאָס זי איז אַרויס אַקעגן מיר מיט דעם וויסטן באָרעך־אַבע, דעמלט האָט זי געהאַט אַ פּאָנעם פון אַ וויעדמאַ. וואָס האָב איך געקענט טון? פון טאָמער אָן בלייב איך אָפּעטיק אקעגן פרויען ווען זיי ווערן ברוטאַל און אַגרעסיוו און יעדעסמאָל, ווען איך בין דער קאָרבן פון אַזאַ אָנפאַל, קומט מיר אָן אַ גרויסע בענקשאַפט.

מאָטל רופט נישט אָן ביים נאָמען נאָך וועמען אָט־די בענקשאַפט, נאָר דאָס האַרץ פון דעם אַמאָל פיזיש גאַנץ שטאַרקן און מאָראַליש פאַרהאַרטעוועטן מענטשן, דאָס האַרץ איז מוידיע, אַז יאָ — ער האָט אַ האַרץ, ער אָטעמט אָפּ כדי זיך צו פאַרגרינגערן און:

— כ׳האָב גאָרניט געטון, נאָר געקוקט אויף איר, גע־קוקט אויף מיין פערד און וועגעלע, די איינציקע איידעס פון מיינע יעסורים, מיך געפרעגט מיטן געדאַנק: ווי קומען מיר אַהער? און: ווען, ווו זענען מיר נאָך אַמאָל אַזוי געווען, איך, אָדער מיין טאַטע? און אויך אַזויפיל ראַכ־

ווּעסדיקער דרויסן און געדיכטע לופט מיט בלויקייט, מיט האַרבסטיקער זון און אַ גויע האָט געשאָלטן, געדראָעט...
כ'האָב סאָף־קאָל־סאָף צוגענומען ביי איר דאָס פּאַפּיר און גענומען לייענען, באַמערק איך פונדערווייט אַז זי מיינעט זיך, קענטיק ניט גערעכט זיך אַז איך בין אַזאַ מאַדים אין דער נייער אָפיציעלער שפּראַך... פונם פּאַפּיר ווערט מיר קלאָר, אַז די שטוב מיטן גאָרטן האָט די פריצע איר פאַר־דונגען, נאָר דער טערמין ענדיקט זיך איר דעם אָסיען, ד. ה. דעמלט ווען איך דאַרף איבערנעמען דאָס פעלד. האָב איך איר צוריקגעגיבן דאָס פּאַפּיר אָן שום פירושים און נאָר אַ פרעג געטון:

— דאָס איז דער הויף?

ענפערט זי מיט רישעס:

— אָט דאָס איז ער!

און לאָזט זיך גיין, געדויערט ניט קיין סאַך, זי דרייט זיך אויס צוריק צו מיר און שיסט אויס אין אַ געלעכטער:

— אָט־א דאָס איז ער...

זי לאַכט, קאַטשעט זיך, גלייך אַנ'אַנדער מענטש, גלייך ניט די מאַרשאַס פון נאַרוואַס, זי איז געוואָרן שיין.

## 3

— אָט די דאָזיקע שיקסע, צו וואָס טויג זי מיר אײַנ־גאַנצן?...

די פראגע שטעלט זיך מאָטל מיסטאם דערפאַר, ווייל זיין קאַפּריזנע געדאנק ציט זיך מיט אלע קויכעס צו יענער שטייף־אָנגעוויקלטער סטענגע וואָס — שעם דיך יאָ, שעם

דיך נישט — מען מוז זי אָפּוויקלען: דער שטראָז און ער פֿאַרענפֿערט זיך:

— אַ שטראָז איז קימאַט אַ לעבעדיקער ווען, פֿאַרמאַגט אָטעם, גייט אַליין. אַוואדע האָט מען אים דורכגעלעגט, אָבער דערנאָך, איידער נאָך מענטשן האָבן אָנגעהויבן פֿאָרן איבער אים, איז ער אַליין אַוועק, אנטלאָפן און זיך אומגעקערט. אַמאָל מאַכט זיך, ער בלייבט שטייען, טוט זיך אַ גיב אויף צוריק. אונדזערער, אַ שטייגער, לויפט אָפּ פֿון מיין טאַטנס שטעטל (אין מאָטלס אָדערן טוט דאָס בלוט אַ זיפּץ) אַ ווערסט צוואַנציק, ביז ער גרייכט צו די פֿעלדער פֿון מיין פּריצעס דאָרף. דאָרטן טוט ער פּלוצים אַ פֿאַרקערעווע קיין מיירעוו־זייט, בייגט איין אַן אָרעם. דער עלנבויגן רעדט זיך דורך, איבער דעם שאָסייגראָבן, מיטן פֿאַשעטן שוואַרצן וועג, וועלכער האלט אין גיין אַרויף אויוון צום בארג, וווּ צווישן אַנדערע פֿעלדער ליגט אויך דער טייל פֿון מיין פּאָסעסיע, וואָס די אַלמאָנע האָט מיר געראָטן אַליין ניט צו באַארבעטן נאָר עס איבערפֿאַרדונגען צו די פּויערן אָדער עס אַוועקגיבן זיי אויף שיטפֿעס. אין אָרעם קלעמט איין דער שטראָז דעם קלויסטער מיטן פֿראָנט פֿון אַ טייל קליינפּריצישע הויפֿן, ער דערלאנגט ביז צו יענעם אויסגעטריקנטן טעכל וואָס צעגרעניצט די פּלייצעס פֿון אַנדערע הייפֿן און מאַכט אַ מעכיצע צישן זיי און דעם דאָרף. אַריבערגעשפּאַנט דאָס בריקל איבערן טעכל, פֿאַרנעמט זיך דער שטראָז צוריק קיין צאָפֿן־זייט, לאָזט זיך לויפֿן נאָך פֿריילעכער, נאָך האָפֿערדיקער, גלייך איבערגעקומען מי־יוידייע וואָס פֿאַר אַ פּריקרע כויוו, גלייך ער וואָלט זיך געאיילט אָפּצוגעווינען דעם פֿאַרלוירענעם... שייטעך, אָט

אויף דעם אָרט קערט ער זיך אָפּ פונם אָרימען דאָרף, וווּהין סע פירט אַ פּראָסטער ליימיקער וועג, נאַקעט און באָרוועס, ביז צום דאָרף און דורכן דאָרף ביז אַראָפּ צום זומפּ, צום טייך. אָבער קוידעם צעטיילט נאָך דער ליימיקער וועג אַ גרויס שטיק פעלד, איין זייט קער צו דער פּריצע, די אנדערע זייט צו אן אנדער פּאָריצל. די פעלדער גרייכן ביז צו די פויערשע כאַטעס, ביז צו די דאָרפישע גערטנער. אַט דער טייל פעלד צוזאמען מיט יענעם וואָס אין פּראָנט, אויף ביידע זייטן שטראָז, דאָס איז דער טאָל, דער ייכעס פון דער פּאָסעסיע. וועגן אים האָט מיר מוידיע געוועזן די לערערין, אַז זי וועט מיך ניט לאָזן באַארבעטן — ס'איז אירס.

## 4

אַצינד אַז מאָטל קלערט נאָך דערינען, געפונט ער אַסאַך זכוסים דער לערערין. ער גלייבט, אַז דעם וויסטן באָרעך־אַבע האָט זי אים געמאַכט ניט נאָר דערפאַר ווייל ער איז אַ יידי בעכאָל אויפן, ניט נאָר דערפאַר. לויט מאָטלען האָט פון דער שיקסע אַרויסגערעדט, כוץ דעם פּערזענלעכן מאָטיוו פון אַ נעגייע בעדאָוועד, אויך די פאַרביטערונג פונם באַשטענדיקן אַקעגן דעם צייטווייליקן און דורכלויפנדיקן. אים אַליין איז שוין היינט פּריקרע אָט אַזאַ מין צוגאַנג צו ערד, אַלס פאַכטער, אַלס צייטווייליקער שוטעף צו איר קויעך און איר מוז צו געבוירן מיט ערד, זאָגט מאָטל. טאָר מען זיך ניט מאַכן קיין שפּילעכל מיט ערד דאַרף מען זיך פאַרקנאַסן אויפן גאַנצן לעבן, אויפן גאַנצן רעזערוו קויכעס. ער מיינט אַפילע, אַז ערד וואָלט באַדאַרפט איבער־גיין בעירושע צו יענע וואָס באַארבעטן זי.

גיט ער זיך אָפּ כעשבן, מאָטל, אַז ער איז אַוועק אויף זייטיקע דראָכים. ער האלט דאָך גאָר ביי וואַרוואַרע פּעט־ראָוונע! איז ער מוידע: ער האָט זי צו לאנג געלאָזט וואַרטן. און דאָך קען ער זיך ניט אָפּהאלטן פון איבערצוכאזערן:

— זי איז ניט געווען מאַריאַנע.

און ער טרייסט זיך:

— מעגליך אַז ס'איז גלייַכער אַזוי. ווו וואָלט זי זיך אַהינגעטון דאָ, זי — אַ מענטש פון לויטער אינטעריאָר, פון געשלאָסענעם רויב, וואָס וואָלט זי געטון מיט זיך אין אַזאַ ראַכוועסדיקן דרויסן, מיט אַזאַ גערדיכטעניש צייט, וואָס הענגט אַראָפּ פונם אָפענעם הימל, נעמט אַרום פון אַלע זייטן, רינגלט אַרום? גוט וואָס ס'איז ניט געווען מאַריאַנע. אָבער פרוי בלייבט פרוי. מען דאַרף זי נאָר אומקערן צו איר עלעמענט. מען דאַרף די פרוי אומקערן צו איר עלע־מענט און זי באַפרייעט זיך פון דעם רישעס אין זיך, פונם מאַנצביל אין זיך.

פויזע. מאָטל וואַגט גישט אַרויסצוברענגען איבער די ליפּן אַלצדינג וואָס ער טראַכט דעריבער. ער, וואָס האָט געהאט דאָס גליק און אומגליק, דאָס לעבן זאָל אים צו־נויפפירן מיטן סאמע אידעאלסטן, מיטן סאמע מענטשליכסטן פרויען־טיפּ. פאַר אים איז ניט פאַראַן קיין מער פּייַנליכע איבערלעבונג ווי די בישאָס ער זעט אַ פרוי אין דעגראַ־דירונג, אַ פרוי וואָס ווערט מאַן. ער שוידערט אויף יעדעס מאָל ווען ער זעט ווי די נאַטור מאַכט כויזעק פון אַ פרוי: ווען זי איז אַלט. מאַנצבילן... יאָ, עס איז אויך טרויעריק. אָבער פרויען, פרויען... וואָס פאַר אַ באַליידיקונג! דאָס איינציקע וואָס קויפט אויס עפּשער איז: אַ קינד ביי דער

זײַט· קײן כילעק נישט א „אײגנס״ אָדער אַ „פרעמדס״···
(מאָטל דערזאָגט עפּעס נישט דאָ)·

**5**

··· וואַרוואַרא פּעטראָווּנא האָט זיך גוט אויסגעלאַכט· דעמלט, בישאַסן לאַכן האָט זיך געלאָזט באַזונדערס בוילעט מערקן איר קרעפטיקײט· אַ שטאַרקע פרוי! נישט קײן הויכע, נאָר אַ ברײטע אין די אַקסל מיט אַ שטאַרקן קאָפּ און פעסטן האלדז· וואָס איז בײ איר דאָך געווען סימפּאַטיש: דער שטערן· ער איז געווען אַ קאָנטראַסט צו אירע רוסישע האָר — כ׳האָב נישט ליב אַזעלכע האָר· דער בלאָנד בײ יידן, כ׳מײן: בײ דער יידישער פרוי· וואָס אײניקע זענען נויטע צו באטראַכטן ווי אַ גויאישן צומיש, איז אַן אנדערער· ער האָט אין זיך אײַנגעזאפּט פון יידישן מאַרך, פון יידישער גײַסטיקײט, פון יידישן אומגליק, בענקשאפט און קראַנקהאפטיקײט· אַך, דער טובערקולאָזער יידישער בלאָנד··· דער סנע וואָס פאַרצערט זיך אין אײגענעם פײער· געגוג דעריבער·

... נאָכדעם ווי זי האָט זיך גוט אויסגעלאַכט, טוט זי אַ זאָג צו מיר: „נו, וואָס שטײט איר? שפּאַנט אויס דאָס פערד און קומט אַרײַן״· זי האָט מיר געהאָלפן אויסשפּאנען, אַוועקשטעלן דאָס וועגעלע און עס געטון מיט גרויסן ערנסט, רויק, גלײך מיר וואָלטן געווען אלטע באַקאַנטע, גלײך אַ פרײַנט איז געקומען צו גאַסט· דערנאָך האָט זי זיך דערמאַנט אַז זי איז צעבראַסטעט, רויט געוואָרן, זיך צוגעשפּיליעט און פאַרבעטן אין „הויף״ אַרײַן· אַ קלײנע „פּריכאָזשע״ האָט געטײלט די שטוב אויף צווײ·

העלפטן, אויף דער טיר פון דער קלענערער העלפט — א
גרויסער מיעסער שלאָס, ווי אויף אַ טיר פון אַ צאַרישער
טורמע. מיר זענען אַריינגעגאַן אין דער צווייטער העלפט:
אַ געריום כיידער, אַ ליכטיקס, אַ עס־צימער. זי האָט מיך
פאַרבעטן זיצן און אַליין אַריינגעגאַן אין שכיינעסדיקן צי־
מער, דורכן אָפענעם האלב־טירל האָב איך מיר אָפגעגיבן
כעשבן אַז ס׳איז איר ספאַלניע, כ׳האָב אַגאַוו באמערקט
דאָרט אַ ברייט מאָדערן פאָרפאָלקבעט. צוריק איז זי געקו־
מען אַ פאַרקעמטע, אַ צוגעפודערטע, געבראַכט א טאַץ מיט
פרוכטן, געבעטן כיינעוודיק איך זאָל געניסן, דערביי גע־
מאָלדן מיט לאָקאל־פאַטריאָטישן שטאָלץ: „אונדזערע... היי־
מישע פרוכטן”... און באלד אַ פרעג געטון: „איר זענט דאָך
אַ אונדזעריקער, אַ בעסאַראַבער?..” זי איז געוואָרן אלץ פאר־
טרויליכער, צוגעלאָזטער, דערציילט, אַז זי איז אַ לערערין אין
דער דאָרפישער שולע, אָבער וווינט זי דאָ ביים שטראָז:
דאָרטן איז שרעקליך אומעטיק. זי גייט באַדיי צופוס יעדן טאָג
אַהין און צוריק אַבי נישט צו דאַרפן דאָרטן וווינען. אַז סע
רעגנט — מעג זיין וואָס ס׳איז ניט איז, אפילע אום זומער —
ווער שמועסט ווינטער, בישאַס ס׳לאָזט נאָך, ווערט אַ דער־
טרינקעניש. דעמלט טוט זי אָן הויכע שטיוול, ראַטשקעוועט
זיך אויף פעקיאַך נעפעש, נאָר דאָרטן וווינען וועט זי ניט,
זי וואָלט פון זינען אַראָפ. דאָ, ביים שאָסיי, איז היימלע־
כער, אויטאָמאָבילן פאָרן פארביי, מען זעט פונדערווייטנס
אַ באַן דורכלויפן, סע קען קומען אַ מענטש, מען כאפט זיך
אַמאָל אַריין צונ׳אַ שאָכן אָדער אין אַ נאָענטן דאָרף ווו
ס׳איז פריילעכער... ס׳איז גאָרניט געווען צו דערקענען אַז
די זעלבע פרוי איז אָקאָרשט געווען אַזוי גראָב אַקעגן מיר

און געשאָטן מיט קלאָלעס... און דעמלט איז מיט מיר גע־
שען אַזוינס וואָס כ׳ווייס ניט בעעמעס ווי סע קומט צו מיר.

מאָטל צענעמט די הענט אין פאַרלעגנהייט: ער קען אַד־האַיעם זיך ניט מויכל זיין די ניט־איידלקייט וואָס ער איז באגאנגען: בישאָס זי האָט זיך געקלאָגט אויף דער אומעטיקייט אין וועלכער זי לעבט, האָט זיך ביי אים פלו־צים אַרויסגעכאפט, אַז ער האָט באמערקט אין צווייטן צי־מער אַ... פאָרפאָלקבעט.

זי האָט עס דאָך ניט גענומען אַזוי טראַגיש. רויט גע־וואָרן אפילע, אָבער איינפאך פארטייטשט: עס אָנגעגרייט אויף יעדן פאל. אַמאָל וועט דאָך קומען אויך איר זיווג. פאַרזיצן וועט זי בעשום אויפן נישט... אַ מענטש מוז האָבן אַן אייגן ווינקעלע.

מאָטל האָט איר מאַווטיעך געווען, אַז סע וועט איר מעקיעם וערן. אַזאַ באלעבאָסטע און אַזאַ אינטעליגענטע באַרישניע ווי זי וואלגערן זיך ניט היינטיקע צייטן. און כו׳ץ אלעמען איז זי דאָך אַ שיינענקע... אָן קאָמפלימענטן!

# צווישן גוים

## 1

איז מאָטלען, הייסט עס, אָנגעקומען דער שקאָץ? דער אַמאָליקער לעץ האָט אין אים אַ שפּיל געטון?.. ער שמייכלט און סע פּאַסט אים. אָן צווייפל: אָט אַזוי האָט ער באַדאַרפט צו זיין, אָבער ניט באַשערט געווען אים. כאָטש דער עמעס איז, אַז ניט דורך דער שפּאַרונע האָט אויסגערונען מאָטלס גוטער הומאָר. ער מיינט: ניט דורך די מאַטעריעלע בראָכן. און דאָך אַזוי — מאָטל ווייסט עס און באַטראַכט עס ווי א באַזונדערן כּעסעד מיצאַד זיין גוירל — זענען פאַרבליבן אָפּגעהיטע אין זיינע אינטימע באַהעלטעניש אַ מענגע ליכט־קנופּן, אַזוינע פּילפּאָרמיקע, פאַנטאַזיע־רייַכע, אַ גאַנצע געאָמעטריע פון פאָרמען. פון דער שייפע קאַפּריז־און־צע־לאָכעס פלעקן קומען זיי אַרויס, שיילן זיך אויס און באַקו־מען פּאָנים, אָט־די פאַרשוינען וועלכע וורצלען ערגיץ, ווי געוויקסן מיט פאַרפּלאָנטעטע פעדימלעך, אין די געדיכטע שיכטן פון מאָטלס גייַסטיקן באָדן. אָט האָט זיך געעפנט אַ פענצטערל און ס'האָט זיך אויסגעפּיקט אַ גויאישע לערערין און בסכאַקל איז עס גאָר אַ שפּריץ זון אויף הארבסטיק

פעלד וואָס איז פאַרבליבן געפאַנגען אין מאָטלס געהירן — ער האָט מוירע צו זאָגן: נעשאָמע.

זי האָט קאָקעטירט, לויט איר אויפן געקישעפט, גע־פרווט זיין, אָדער טאַקע געווען, פרוי. עס האָט מאָטלען געריירט. דער איידלער ריטער דאָן־קיכאָט האָט אַרויסגעוויזן פאַר־שטענדעניש פאַר אירע פכאָדים: געוויס, זי וועט ווייטער בלייבן וווינען אין דער דירע. וואָרן אויב ס'איז די ריידע וועגן אַזאַ אומעדיקייט אין דאָרף, וועגן דעם אַז דאָ ביים שטראָז איז איר פריילעכער און פאַרזיצן וויל זי נישט, טאָ ווי קען עס אנדערש זיין? וואָרומעט קען קומען דער זיווג אויב נישט מיט דעם פריילעכן טראַקט? זי וועט פאַרבלייבן אויך אויף ווייטער דאָ און ניט באַדאַרפן זיך וואָזגען מיט איר באַלעבאַטישקייט, מיט איר מעבל, נישט מער, וואָס פאַר אן אייצע גיט מען זיך מעקויעך אַ דירע פון זיינעטוועגן? ער מוז האָבן אַן אָרט צום וווינען, אַן אָרט פאַרן געשפאַן און נאָך: זוימען ווו צו האַלטן, זעק לעדיקע, ער וועט דאָך טווע אויך מאַכן, נישט נאָר צוקער־בעריקעס. עפשער ווייסט זי עפעס אַזאַ מין פאַסענדע דירע, מעג זיין אין... דאָרף!

די שיקסע האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרשנ־דיקע אויגן: ער מיינט עס ערנסט, צי ער מאַכט כויזעק? זי האָט בעעמעס יעסורים פון דעם, וואָרן אַ דירע דאַרף ער האָבן ניט אין דאָרף, נאָר דאווקע ביים שטראָז, אָבער דאָ מיט איר צוזאמען — אויף די באַקן האָבן זיך צעבליעט ראָזע ריידאלעך — איז ניט מעגליך: אין דער צווייטער העלפט דירע האלט זי עפעס „כלאם", אלטוואַרג, און סע רעגנט אַריין. כוצדעם איז ביכלאל ניט בעקוועם. זי — אַ

בסולע, און די וועלט דאָ אַרום, אַ אוילעם לויטער רעכי־לעסניקעס, בייזע צינגלעך אַז גאָט זאָל באַשירעמען!..

מאָטל מיינט דאָך, אַז ניט מעסוקן, ער קען ווינען אין דאָרף. ער גייט דאָך ניט צופוס, ער פאַרמאָגט אַן אייגענעם געשפאַן.

דעמלט איז זי געוואָרן שוין גאָר שטרענג, דער שטערן לערעריש־באַפעלעריש:

— לאָזט אָפּ דאָס דאָרף... איר ווייסט ניט ווער זיי זענען... איר ווילט מען זאָל אייך באַגאַנווענען, באַהוילן? איר דאַרפט זיצן דאָ, ביים פעלד, מען זאָל פילן אייער אָנוועזנהייט אַ־דאָ, אין דער נאָענט... איר מוזט האָבן פאַר די אויגן אַ יעדע באַוועגונג, קיין איין מינוט ניט פאַרלירן פונם בליק דאָס פעלד, אַלצדינג האַלטן אין די הענט. א-דאָ ביים שטראָז מוזט איר ווינען! אַפילע דער הויף טויג נישט, ווייל די פענצטער זענען נישט צום שטראָז!..

זי האָט זיך אַזש דערוואַרימט רעדנדיק, די באַקן צע־גליט, די אויגן האָבן געגלאַנצט און די גויאישע האָר האָבן זיך איר צעבליט. זי איז צוגעגאַן צום פענצטער און קוקנ־דיק אין דרויסן אַרויס געקלערט:

— וווּשע קריגט מען פאַר אייך אַן אָרט אַזוינס, אַ פאַסנדיקס?

מאָטל האָט זיך אויך געשטעלט אין פענצטער, געקוקט אויף זיין פערד ווי סע שטייט און קײַעט גלייך געשטאַנען פון קאַדמוינים, געקוקט אויף דער קליעטקע פעלד פאַרן הויף וואָס איז געלאָפן מיט אַ קלין צונ׳אַ שאָכנס הויף און, כאָטש ווען אַ מאַן און אַ פרוי טיילן איין רעמל פון אַ פענצטער, מעגן זיי זיין ווילד־פרעמדע, מעג עס אַפילע זיין

ניט גלייכצייטיק נאָר איינס נאָכס'אנדערע, ווערט געבוירן עפּעס אַ שײַכעס וואָס לאָזט אַ סימען, וואָס מען מוז מאַכן איבער זיך אָן אָנשטרענג אויף צו באַפרײַען זיך — האָט מאָטל, אַנאַליזירנדיק זיך, ניט וואָס זיך פאָרצוואַרפן. פאַרוואָס איז די פרוי געווען און געבליבן אים פרעמד ניט געקוקט אויף אלעמען — עמעס, ניט באַזונדערס וויכטיקן — וואָס איז שפּעטער דאָך געווען צישן זיי? פאַרוואָס איז זי געבליבן ניט מער ווי טונקלער פּאָן, אָן אויפבליק, אָן יענע סרייפּעס־פלאַמען וואָס טויכן אויף מיט פרייד ניט גע־קוקט אויף אלע פּײַנען, אפילע אומגליק, וואָס האָט זייער ווירקלעכקייט געשטעמפּלט? די דערמאָנונג אָן דער לערע־רין — ווי פאַראַדאָקסאל דאָס זאָל ניט זיין — כאָטש אלצ־דינג וואָס איז געווען צישן זיי איז אָפּגעלאָפן אַזוי פּרימי־טיוו, אָן שטורעם, נאָך ווייניקער, דאָך אַזוי ווערט מאָטלען טרויעריק פון איר, פון דער דערמאַנונג אָן דער קרעפּטיקער שיקסע, אַ פרוי אַ שטיק ערד.

## 2

די קליעטקע פעלד, וואָס פאַר די פענצטער, איז געווען פאַרבויעט ווי דער גרעסטער טייל פונם טאָל, מיט צוקער־בעריקעס. דער בלאַט איז געווען גרין אַזש פעט, גוט גע־שיצט די ערד. ערטערווייז האָבן די בוראַקעס אַרויס־געשטאַרצט ברייט צעוואַקסן, ווי געמאָנט נאָך פּלאַץ פאַר זיך: מיר זענען קיינאָרע גרויסע, מיר באַדאַרפן. אין קלין האָט דאָס שטיק פעלד זיך געשלאָסן מיט אן אנדער הויף, אָןביימער, אָן שאָטן, אַ נאַקעטער פלעק, אַריינגעשטעקט ווי אַ סלופּ נאָך אַ סרייפּע. יענער הויף איז געשטאַנען

האַרט נעבן קלויסטער־הויף, אין סאמע פראָנט פון די קליינ־
פריצישע גערטנער,ביים שטראָז, אין זיין אָרעמ· אַהינצו
האָט וואַרוואַרא פעטראָוונע אלץ געהאלטן אין איין צילעווען
מיטן בליק:
— אָט־א־דאָ, ביי טרענאזשקען, סעמיאן ניקאלאיעוויטשן,
וואָלט געוועז אַזוי גוט אז בעסער קען שוין גאָר ניט זיין·
אָנגעצילעוועט זיך, אָפגעמאָסטן מיטן אויג, אַ באשלוס
אָנגענומען:
— נו, וואָס? מירן צוגיין? דער געשפאן מעג בלייבן
דאָ… נישטאָ וואָס מוירע צו האָבן, ביי מיר כאפט מען
נישט.
... מיר זענען געגאַן מיטן ראנד פונם פעלד, צישן פעלד
און שאָסיי־גראָבן, זי פאָראויס, איך נאָך איר. כאָטש אין
דרויסן, דאָך האָט איר פיגור פאַרנעמען אָרט, זיך אָנגעזען·
זי האָט קיין איינציק מאָל זיך ניט ספאטיקעט, ניט געמאַכט
קיין פאלשן שריט, כאָטש איך בין איר נאָכגעגאַן· צוגעקומען
גאָר נאָענט צו טרענאזשקעס הויף האט זי זיך אָפגעשטעלט
און געוויזן: „אט־א דאָ איז דאָס שטיק פעלד אייערס. דריי
קליעטקעס אין טאָל, איינס פון יענער זייט הויף, צום
דאָרף־צו, דאָס צווייטע דאָ ווו מיר שטייען, דאָס זענען די
גרעניצן... און אַקעגן, פון יענער זייט שטראָז, די דריטע
קליעטקע.. דאָרט גרעניצט איר ווידער מיט אַלעקסאנדר
וואַסיליעוויטש, אונדזער דעפוטאט, געהערט מינאסטאם...
די וואסער־מיל אט־אַ דאָרטן, ביי יענעם לעבעדיקן טעכל,
איז אויך זיינע"... זי האָט געקענט אלע פעלדער ארום, די
גאנצע סוויווע, געשלונגען מיט די אויגן די פעלדער, די
כוטארס, זי וואָלט דאַכט זיך ניט זאט געוואָרן ווען דער

גאנצער דרויסן קער צונ'איר... זי האָט, ווייזט אויס, ניט איין מאָל געטראַכט וועגן טרענאָזשקעס הויף, זיין פּאָזיציע, חייל זי האט געהאט רעכט מיט איר אָפּשאצונג: אָט־דער הויף, אויף דעמזועלבן בערגל וואָס דער קלויסטער, נאָר נענטער צום שטראָז, האט געהערשט איבער דער סוויווע· אָן אים האט זיך ווי אן עכא אפגעשלאגן דער גאנצער ראַש און טומל פונם שטראז· פונדאנען האט מען געהאט פאַר זיך די סוויווע אויף מײַלן אַרום, גאָרניט האָט ניט געקענט פארביי ׳ויפן מיטן שאָסיי, אַז מען זאָל עס פונדאנען ניט זען· ווער שמועסט, די צוויי קליעטקעס פעלד, די פעדער־שטע, מען האט זיי געהאט אויף דער האנט· אויך דעם עק פונם באַרג האָט מען איצט אַרויסגעזען און אויך יענע גרע־ביצן האָט זי געוווּסט אויף אויסנווייניק: „פון איין זײַט דער פּאַן פּיענטקאָווסקי, אײַער אַלמאָנעס ברודער פון דער צוויי־טער זײַט”... די „פּאָליטישע געאָגראַפיע” פון דעם אָרט האט מיך אָבער אין יענעם מאָמענט ניט אינטערעסירט, די בענקשאפט נאָך דעם פעלד, באזונדערס נאָך דעם אָרימען באַרג, איז מיר געקומען שפּעטער, אָבער דאָס איז שוין אן אַנדער איניען — אין יענעם מאָמענט האָט מיך פארכאפּט דער דרויסן, דאָס קאָל און די מאַרע פון דער סוויווע; דער שטראָז האָט געזאָטן, ווי אין די צײַטן פון מיין טאטן, עפּ־שער נאָך מערער· ס'איז געווען די סאמע ברען־צייט פון ארבעט און דאָס ווידערקאָל פון דער האָרעוואַניע האָט כוואַליענדיק אָנגעשלאָגן אַהער, אין דעם פונקט· פויערשע פורן, פּריצישע און פּאָסעסאָרסקי בריטשקעס, שטאָטישע אויטאס האבן זיך געקרייצט נאָענט פאַר די פענצטער. דאָס געקלאפּערײַ פון די רעדער פון וואַגאָנעס און לאָקאָמאטיוון

האָט ביז אַהער דערלאַנגט. מ׳האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן גראָבן בוראַקעס, שנײַדן קוקורוזן, פּאַסאָליעס און סאָנישניק האָט מען געמאַלויצעט, ווײַס ברויט געדראָשן. סעמיאָן ני־קאַלאַיעוויטש טרענאָזשקען האָמיר געטראָפן זיצן אויף דער פּריזבע און זיך וואַרעמען אַקעגן דער האַרבסט־זון.

## 3

אַ גרויסע פֿאַרלאָזנקייט האָט גערוט אויף דעם אָרט. אין פֿאַרגלייך מיט דער האָלאַטעטשינע איז דער אַלמאָנעס הויף טאַקע געווען אַ „הויף". די שטוב אַ שטיק כורוועס־אַרום דער שטוב נאַקעט. קיין סימען פֿון קיין ביימל, קיין אָף ביי דער שטוב. נאָר אַ מאָגער הינטל, הויט און ביין, בייז מיסטאַם פֿאַר הונגער, האָט זיך געריסן פֿון דער קייט אויף סאַקאָנעס־נעפּאָשעס. די גרעניצן פֿון דעם הויף — אַ שטיק קוקורוז־פֿעלד איז צוגעגאַן ביז צום פּלויט פֿונם קלויסטער־גאָרטן; דער גראָבן פֿונם שאָסיי; אַ פּאָר ליניעס דראָט־שטעכעלקעס, מיסטאַם צוגעלאַקכנט פֿון די העפּקער־דיקע אָקאָפּעס נאָך דער רעוואָלוציע, — האָבן געמאַכט אַ מעכיצע צישן דעם הויף און דער פּריצעס גוול, צישן נאָך אַ הויף און דעם רעשוס־האָראַבים. עס איז געווען אַ נע־בעכדיקער פּלעק אויף דעם גרעניצלאָזן לײַוונט פֿון האָרע־וואַניע און פּרוכטבאַרקייט אַרום. ער אַליין, דער באַלעבאָס, איז געשלאָפן אָדער זיך געמאַכט ווי ער שלאָפט, בישאַס די לערערין מיט מאָטלען האָבן זיך דערבענטערט. זי האָט אַ ווינק געטון מאַמזעריש, כיטרע פֿויעריש זיך צעלאַכט און פֿון דער פּולער ברוסט אַ געשריי געטון:

— זדראַסטוּיטע, סעמיאָן ניקאלאַיעוויטש! טשטאָ ווי־גרעיעטעס?

ס׳האט אַזש מיט אים אַ ווארף געטון; ער האט זיך אויפגעשטעלט, זיך אויסגעצויגן סמירנא, האט זיך באוויזן אַ מאן צוויי שטאָק די הויך אַ אָג־מעלעך־האַבאָשן, אַ שוואַרצגראָער, לויטן אויסזען אַ ראַסן־געמיש, שטאַרק צי־גיינעריש, ווי מען פלעג עס אַמאָל טרעפן צישן די אלטע פריצים אין יענעם קאנט, דער פּאַרוסינענער אַנצוג וועלכער האט זיכער געשטאמט פון פאַר ניינצן־פערצן — גאַלע לעכער, די קניען געפלאצט און ניט פאַריכט... ער האט צום ערשטן אַ קוק געטון ברויגעז, דערנאָך געמאכט: „אַ״!.. און גענומען רײַבן די אויגן, קלוימערשט אויסווישן פונם שלאָף, דערנאָך גענומען שמייכלען כאניפעדיק:

— נאַפּוגאַלי, יעי באָגו...

דערנאָך זיך צעשריגן מײַסע־באַלעבאָס אויפן הינטל וואס האט זיך געריסן פון דער קייט מיט מעסירעס־נעפעש, מיט איבער־הינטישן געביל:

— זאַמאלטשי סאָבאַקא!

גלייך ס׳האט אים געשטערט אויפצונעמען די געסט... די לערערין שרייט צונ׳אים אַרויף:

— יאַ וואַם גאָסטיאַ פּריוועלאַ!

טוט ער אַ קוק, נעמט זיך שנײַצן די נאָז און אָפּווישנדיק די הענט אין פּארוסינענעם הינטן, מאַכט ער הויך:

— פּאזשאַלויסטא, מי ראַדי.

ער האט דאָ, ווייזט אויס צוליב פּריצישער איידלקייט, אַרויסגעצויגן אַ טיכאלע קלענער פון זיין דלאָניע, זיך פריש

אויסגעשנײַצט, ארומגעווישט, דערלאנגט אַ לאבע און, צערעמאָניעז:

— ס'קיעם אימעיו טשעסט?

די לערערין דערקלערט ווער און וואָס, רעדט וועגן גאסט אין דריטער פּערזאָן:

— זיי, מאַקסים איליטש... זיי זענען דער נייער פּאַכ־טער... זיי האבן אַרענדירט דאָס פעלד ביי דער אַלמאָנע...

סעמיאָן ניקאלאַיעוויטש הערט אויס שטאַרק אויפמערק־זאַם, קנייטשט דעם שטערן, גלייך ער פרווט אַריינדרינגען אין מי־יעדייע וואָס פאַר אַ שווערן איניען און מיטאַמאָל, שטאַרק אויפגעלעבט, זיך מעסוקן דערפרייט. גאָרנישט אויס־צומאָלן די פרייד וואָס ער האָט דעמלט אַרויסגעוויזן. גלייך ער האָט דערקענט אין מאָטלען אַ פאַרלוירענעם ברודער וועמען ער האָט יאָרנלאנג געזוכט אויף אלע טיילן פון דער ערד, זיך שוין געהאט מעיאַיעש געווען און ווידער געזוכט און — ענדליך געפונען. די אויגן האָבן געגלאנצט, דער גערונצלטער שטערן האָט אויפגעלויכטן:

— טאַק ווי, זנאַטשיט, קופילי זעמליו?.. טאַק מי, זנאַ־טשיט, סאָסיעדי!.. אָטשיען פריאַטנאָ!..

ער האָט אַריינגעבעטן אין שטוב אַריין, אין דער ריינער העלפט און דאָ פונסנײַ זיך פאָרגעשטעלט:

— סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש טרענאָזשקא. פאַטאָמסטוועני דוואָריאַנין...

אָט אַזוי בוכשטעבליך.

**4**

פרעגט זיך מאָטל: אַקעגן וואָס דערצייל איך עס?

און פֿאַרענפֿערט: צוואָס האָט עס פּאַסירט מיט מיר?
— תּיקו.

אַוועקגעשטעלט דעם „תּיקו", פֿאַרלאָזט אים מאָטל ווי מען פֿאַרלאָזט אַ בייסאוילעם און קערט זיך אום צו סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש טרענאָזשקאָ, פּאַטאָמסטווענע דוואָריאַנין.

... ער האָט געליטן באַשיימפּערליך פֿון דער אָרימקייט אין שטוב, געפּרוווט צודעקן מיט גאַסטפֿריינטליכקייט. ער לויבט דאָס פֿעלד וואָס כ'האָב איינגעקויפֿט — אין דאָרף זאָגט מען נישט אויף ערד „געדונגען", נאָר „געקויפֿט". ער איז מיר מאַוויטיען אַז כ'ל פֿאַרדינען, גוט פֿאַרדינען... דער איקער, זאָגט ער, איז באַארבעטן. „באַלעבאַטיש באַארבעטן, דאָס איז דער איקער!" כאַזערט ער איבער פּאַטעטיש: „אָבער איך זע, אַז כ'האָב מיך אויף ווּעמען צו פֿאַרלאָזן! אַ יידישער קאָפּ, אַ אינטעליגענט... צי גאָר עפּשער אַן אַגראָנאָם?"... ער קוקט אויף מיר אַ ווײַלע פֿאַרשנדיק און מיט גרויסער סימכע, גלייך געפֿאַלן איבערן סאָד:

— יאָ־יאָ! אַן אַגראָנאָם!.. געהערט!..

אין מאָטלס אויגן טוט זיך אַ צעטענצל אַ גוטער שמייכל. ער איז ניט קיין פֿאַרשוין אויף צו דערציילן ווי ווייט ער האָט ליב מענטשן. ער האָט ליב דעם מענטשליכן מין, צי איז עס דען אַ פֿאַרברעכן? ווער קומט דען אָפּ פֿאַר אים? פֿאַר זיינע אנטוישונגען? אַלץ ער. נאָר ביין: ווען ס'זאָל זיין נאָר ער, וואָלט שוין געווען קימאַט גוט. אָבער... אַביסל געטראָפֿן האָט דאָך דער פּויליאַק: אין די גאָר יונגע יאָרן האָט מאָטל אַ צייט געטרוימט וועגן אַגראָנאָמיע, געגלוסט צו ווערן אַן אַגראָנאָם. האָט זיך פֿון דעם כאָלעם אויסגע־לאָזט וואָס פֿון אַלע זיינע גוטע כאַלוימעס: דאָס איינציקע

ביסל אַגראָנאָמישע טוירע, זאָגט מאָטל, איז מיר אַלץ פאַרבליבן סיידער זרעים, כלאַים מיטן רמבם...

פויזע. עס איז אים שוין טרויעריק, מאָטלען. נאָר ער זאָגט ניט אויס. ער טרייסלט זיך אָפּ דערפון מיט קויעך, קערט זיך אום צום סיפור האַמייַסע:

... נעביך. שפּעטער ווען כ'האָב אים בעסער געקענט, האָב איך שוין געוווּסט, אַז ער „פּארפּאסט”, זאָגט ליגן באוווסטזיניק און ניט באוווסטזיניק. ער האט נעביך געמיינט צו גוטן. געזען אַז איך בין ניט־פויגלדיק געשטימט, האָט ער מיך געוואָלט טרייסטן: „איר זענט אַ פרעמדער מענטש דאָ, מאַכט ער צו מיר, דערפאַר דאַכט זיך אייך אלצדינג מאָדנע. אומזיסט! איר געפונט אייך צישן גוטע מענטשן. איך וועל אייך באהילפיק זיין, איך וועל אייך אלצדינג ווייזן, באקענען. איר האָט ניט וואָס מוירע צו האָבן. איר קענט בלייבן וווינען ביי אונדז. פריילייך דאָ, די גאנצע געגנט ווי אויף דער דאלאניע, בעסער ווי ביי אייַער פּריצע, דאָרטן זענען די פענצטער פ ו נ ם שטראָז און אַ באָבע איז זי, די לערערין מיין איך, מיט פּרעטענזיעס, אָדנים סלאָוואָם — זשענשטשינאו...” ער האָט זיך דערבייַ ווידער גענומען צו דער נאָז, גלייך דאָס וואָלט געווען אַ באזונדער סימען פון כשיוועס, פון באוווסטזיין זיך ווענן אייגענעם ווערט. דאָס האט ער מינאסטאם געזען אַמאָל ביי איינעם פון די גרויסע פּריצים און ס'האט געמוזט מאַכן אויף אים גאָר אַ באזונדערן רוישעם. אינצווישן שלעפּט ער אַרויס אַ ציגאַר־פּאַפּירל, אָדער עפּשער האָט זיך עס נאָכגעשלעפּט נאָכן טיכעלע. געפּאַקט דאָס פּאַפּירל, נעמט ער זוכן טאַבאַק, זוכט ער... ער ווערט אינגאנצן אומרויק, הייבט אָן צו וואָרטשען, ברומט

עפּעס אין דער שטיל, דערנאָך העכער, צו זיך קלוימערשט, נאָר איך זאָל הערן: „וואָט זשענשטשינאַ!.. דאָס ווייב מיין איך... אַוועקגעגאַן צו איר שוועסטער אין דאָרף אַריין און פאַרגעסן צוריקצוקומען. ווו האָט זי מיר געקענט פאַרכאווירן דעם טאַבאַק?..״ כ׳האב אַרויסגענומען אַ פּעקל ציגאַרן און אַוועקגעלעגט פאַר אים אַ ציגאַר, אָבער ער — בוצים וויל ער נישט, ווארפט זיך: „זאַטשיעם? ניע נאַדאָ!..״ און ווידער גענומען זוכן דעם נעכטיקן טאָג. סאָף־קאָל־סאָף זיך איבער־געבעטן מיטן ציגאַר, ווי איבערדאנק, פאַרויכערט און — געוואָרן גאָר אַן אנדערער מענטש: אַ שווייַגער!. אַ רענדל אַ וואָרט!.. זאָל עס געווען זיין דער עפעקט פונם רויכערן? איך בין מיך מעשייַער אַז ער איז אָפּגעזעסן פון אינדערפרי אויף דער פּריזבע מיט פאַרמאַכטע אויגן, קעדיי צו פאַר־געסן דעם הונגער נאָך אַ ציגאַר. איצט האָט ער איינגענע־מען שטומעניש, גלייך אינגאנצן פאַרטון אין דער אַווידע פון רויכערן, גלייך געציטערט צו פאַרלירן אַ טראָפּן האַנאָע און קאַוואָנע. כ׳האב אים געמוזט גוט שאָקלען אויף אַרויס־צוקריגן פון אים אַ וואָרט. איך פרעג, וואָס וועט מיך קאָסטן דאָס צימער, מאַכט ער: „עט״. כאוער איך איבער, זאָגט ער: „ס׳ווייַב... דאָס קער צונ׳איר...״ זאָג איך: כ׳האב אַ געשפּאַן מיט מיר. ענפערט ער: „דאָס קען מען ברענגען אַהער״. און עפּעס שוין גאָר וואַזשנע: „מיר זענען שטענדיק גרייט אויפצונעמען אַן אָרנטלעכן מענטשן״.

מאָטל האט האַנאָע פון דער דערמאנונג. ער איז מוידע: ס׳האָט אויף אים אַ הויך געטון אַזש מיט „קאַפּיטאַנסקאַיאַ דאָטשקאַ״... ווער קען וויסן די פאַרבינדונגס־פעדים אין אַ אומ־רויקן קאָפּ? פּושקין, גאָגאָל, אַ וועלט וואָס פאַר אים דעם

יידן איז זי אימאַזשינערע ווירקליכקייט, נעשאָמע־ווירק־ליכקייט.

··· סעמיאָן ניקאלאַיעוויטש איז דאָך באַלד אַוועקגעגאַן און געבראַכט דאָס פערד און בריטשקאלע צו זיך, עס אַוועק־געשטעלט פאַר די פענצטער און — ניט זאָגנדיק מיר גאָר־ניט — גענומען אויפשטעלן דעם סאַמאָוואַר, טשאַי לעקאָוועד דעם גאסט.

**5**

מאָטל קלערט נאָך, ער פרוווט זיך דערמאנען, וואָס ער האָט געטראַכט דעמלט, בישאַס ער איז געזעסן לעבן אויס־געוועכנעטן פענצטערל און נאָכגעקוקט ווי סעמיאָן ניקאָ־לאַיעוויטש גרייט צו טיי. ס'האט געדויערט היבש. צום ערשטן האָט ער, אַפּאָנעם, זיך אַרומגעקוקט, אַז ס'איז נישטאָ קיין וואסער און דער איינציקער עמער איז מיט די באָנים אין פעלד. האָט ער גענומען צוויי טעפּ און געגאַן צונ'אַ שאָכן לייַען וואסער. דערנאָך זיך גענומען קלויבן שפּענד־לעך. דערנאָך געקומען נאָך אַ שוועבאלע, נאָך צוויי, ענד־ליך זיך געיאוועט מיט אַ שוואַרצער נאָז פון סאַזשע און זיך באקלאָגט אויפן ווייַב, זי האָט, הייסט עס, באהאלטן טיי־און־צוקער. ער האט געהאט, ווייזט אויס, בעדייע אי־בערצוכאזערן די קאָמעדיע מיטן טאַבאק, נאָר זיך פאַרשעמט און איינפאך אַ זאָג געטון:

— מאַקסים איליטש··· ווען איר ווילט, עפשער האָט איר ביי אייך קליינגעלט? מיר, דאָרפישע איינוווינער, טריב־קען טיי זעלטן, נאָר אונטער אַ יאָנטעוו.

מאָטל האָט אים געגיבן געלט און ער האָט אַוועקגע־

שפאנט אין „קאָמפּעראַטיוו" אויף „צען מינוט און נאָך ווייניקער". זענען איבערגעגאַן עטליכע מאָל צען מינוט — נישטאָ. אין דער צייט האָט מאָטל אָנגעפּויעט דאָס פערד ביים טעכל. וואָס וואַשט אַרום די גרעניץ פון יענער קליעטקע פעלד וואָס אַקעגנאיבער דעם שאָסיי. האָט ער באמערקט דערביי, אַז דאָס טעכל איז אַ פריילעכס, אַ לעבעדיקס, מיט קלאָר וואסער, אַ מעכאַיעדיק טעכל. מעגליך אַז די קלאָרקייט האָט זיך גענומען פון דער צייט: האַרבסט זענען אלע וואסערן קלאָרע. נאָענט ביים שאָסיי־בריקל, איבערן טעכל, שטייט אַ קליינע וואסער־מיל. דאָרטן, ביי דער הרעבליע, האָט מאָטל דאָס פערד אָנגעפּויעט. שקאָצימלעך האָבן זיך געבאָדן, כאָטש דאָס וואסער איז שוין געווען קיל. אַ טעכל קען ווערן גיך היימיש מיט אַ מענטשן, פּונקט ווי אַ קינד אָדער אַ כאַיע. מען דאַרף נאָר אָנטרעפן אויף דער גוטער שאָ. מאָטל איז צוריקגעקומען, זיך באַזעצט ווידער ביים פענצטערל און ווידער געקוקט. דער טאָל, אויף אַסאַך ווערסטן, פאַר די אויגן. צו־וואָס זשע איז ער געזעסן דאָרטן? אַז בסכאַקל האָט ער גאָר געזאָלט אויפזוכן דעם אלטן פאַכטער, זיך צונויפריידן מיט אים, זיך איינפאַרשטיין. ניט אַנדערש די יעדיע וועגן דעם וואָס ער דאַרף דאָ ביכלאל טוען איז נאָך ניט דערגאַן צו זיין אינטימערן איך, ביז צום באַפעלענדיקן צענטער. ער האט נאָך אלץ נאָכגעטראַכט אומבאשטימטע, צעשווימענע טראַכטענישן, געהאט הויריעס. אינדערוויל איז עמיצער אָנגעקומען. צוויי שטימען: אַ עלטער קאָל, אַ ווייַבעריש, און אַ יונגע מענערשע שטימע, אַ יונגלשע. ווייזט אויס, סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט אין דאָרף אַריין און אַהיימגעשיקט דאָס ווייַב־

די טיר עפנט זיך און אַ פרויען־קאָפּ טוט זיך אַ באַווייז און פאַרשווינדט. זי איז אין הויף, קלויבט אַ פאַרוואַלגערטן פאַריערקן קוקורוז־קאַטשאַן, אַ שפּענדל, וואַרפט אין סאַמאָוואַר, בלאָזט אין אים, מונטערט אים... סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש איז אַלץ נישטאָ. מאָטל קוקט אַרויס דורכן פענצטערל אויפן פערד, ווי סע שטייט, קײַעט און באַליגעט ווי ביי זיך אין דר׳היים. די פעלדער זענען שטענדיק ביי זיך אין דר׳היים. די ווײַטקייט לויפט ניט אין ערגיץ, וואַרט. מען וועט קומען צונ׳איר. די בלאָקייט הערשט איבער אַלעמען. וועגן וואָס האָט דעמלט מאָטל געטראַכט? געדענקט בעעמעס אַ מענטש וועגן וואָס ער האָט אַמאָל געטראַכט?

פויזע. מאָטל זאָגט נישט מער אַ וואָרט דעריבער.

## 6

יענעם אויפדערנאַכט איז געווען יאָנטעוו ביי טרענאָזשקען אין שטוב. ער האָט געבראַכט נישט נאָר טיי־און־צוקער, נאָר אויך נאַפט און שוועבעלעך און אַ גלעזל צום לאָמפּ. אויך אַ ברויט. דעם רעסט זיך איבערגעלאָזט: „מיר וועלן אונדז שוין אָפּרעכענען מיטאַמאָל”. יענעם אָוונט האט מאָטל נאָך ניט געהאט געוווסט, אַז שוין אַסאַך כאדאָשים ווי זיי האבן קיין ברויט ניט געזען, נאָר זיך דערנערט מיט קאַרטאָפל. דאָס האָט זיך מאָטל דערוווסט שפּעטער. יענעם אויפדערנאַכט איז דאָרט געווען כאַי־געלעבט, אויפערשטייאונג! סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש האָט צום ערשטן אַרייַנגעפירט דאָס ווײַב, זי אונטערגעשטופּט:

— נו, גיי שוין, גיי דו שויטע... מאַקסים איליטש וועלן נאָך מיינען אַז קענסט מיט קיין מענטשן ניט רעדן.

און צו מאָטלען:

— נאָך אַ שטאָטישע דערצו!

און ווידער צונ'איר:

— נו, גיי שוין, באַקען דיך.

דערנאָך האט מען געבראַכט דעם סאַמאָוואַר, זיך באַ־זעצט אַרומען טיש, געטרונקען טיי און פאַרביסן און טרע־באָזשקע האָט דערציילט בעהאַרכאָוועדיק, אַז איצט ווייסט ער שוין, ווער מאָטל איז:

— ע־ע! אין קאָמפאַראַטיוו געווען, מענטשן געזען, מענטשן קענען אייך. אייער באַטיושקאַ ערשטער מענטש אין שטאָט... ע־ע! אָ־אָ!

זיין ווייב, פיל יונגער פון אים, מיט אַ טיפּישן פּאָנים פון אַ סאָלדאַטקע, אַ פּאָנים פון אַ צניעסדיקער כאַמעראַייזל, מיט אויגן אין וועלכע מען לייענט: „איך קען ניט אָפּזאָגן... איך וויל ניט. כ'לעבן ווי כ'וויל ניט, נאָר איך קען ניט אָפּזאָגן". זי שפּעט פון אים, פון זיין אויפשטעלן דעם סאַ־מאָוואַר, פון זיין אַוועקגיין. מוסערט אים:

— אַ שיינער מאַכניס־אוירעך. לאָזט איבער אַ גאַסט און גייט אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג!

קומט ער אין קאַאַס:

— דו, ווייַב, מאַך ניט קיין קריטיקע. דו! אַ פרעמ־דער מענטש דאָ, קען נאָך אַ טראַכט טון, ווער ווייסט וואָס פאַר אַ לייַדאַק איך בין!

זי ווערט בלייך, גרין, פאַרענפערט זיך... זיי זענען ביידע געווען שיקער פונם ברויט, פון דער טיי, פונם לאָמפּ, וואָס האט געברענט. די באָנים האָט מען ניט אַריינגעלאָזט, זיך געשעמט מיט זיי, אַפּאָנים. מען האט איבערדערציילט מאָט־

לען רעכילעסן אויף אלע שכיינים, ווער ס'איז ליטיש, ווער ניט, ווער אַ געלערנטער מענטש, ווער אַ פּראָסטער. און אַז דער ענטוזיאַזם האָט זיך ביי סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטשן שוין גאָר אויפגעהויבן, האָט ער דערקלערט פייערליך:

— מאַקסים איליטש, איך וועל אייך דאָס פעלד באַאַרבעטן!

זי האָט מאַסקים געווען:

— אַזוי ווי ער קען, קען נישט קיינער.

האָט ער זיך שוין גאָר צעהיצט:

— איך וועל זיי ווייזן די ליידאַקעס ווי אַזוי מען באַאַרבעט פעלד!.. מיט אַ סיסטעם!.. אַ סיסטעם, דאָס איז די הויפּט־זאַך!

זי האָט צוגעשטימט, געגלאנצט מיט די כאָמעראייזל־דיקע אויגן:

— אַוואַדע, געוויס...

אין דער צייט זענען אין דער פריכאָזשע געווען די באָכירעם, וואָס זענען געקומען פונם פעלד. מ'האט געהערט זייער אַריין־און־אַרויסגייען, זייער דושען זיך אין געלעכטער. סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש ווינקט זיך איבער מיטן ווייב, טרעט איר אָן אויפן פוס, ענדליך קען ער נישט מער, עפנט די טיר און:

— שטיל זאָל זיין, כאַמוליס!

ער פאַרענפערט זיך פאַר מאָטלען:

— אַז דאָס וואַקסט אין דאָרף... צישן מוזשיקעס... אָן בילדונג...

און זיך געקלאָגט:

— שקאָלעס היינט... אויך מיר שקאָלעס. אָן אַ סיסטעם!

אַזוי איז אַריבער אַ שטיק אויפדערנאַכט, געוואָרן שפּעט־
זי האָט אַרייַנגעבראַכט אַ קישן שוואַרץ ווי די ערד, אַ קי־
לעבם גאלע לאָך און אַוועקגעלעגט אויף דער האַרטער קאַ־
נאפּע. ער האט געבראַכט אַביסל אלטע שיימעס, צעריסענע
אַמאָליקע „ניוואס“, פון די צייטן ווען ער איז נאָך געווען
אַ „קאַוואַליער“... ענדליך געלאָזט מאָטלען אַליין.

מאָטל רוט אַ ווײַלע. מאַשמאָעס, ער בויעט צוריק אויף
אין געדאנק דאָס צימער, דעם לאָמפּ, זיך אַליין דאָרטן.
אַגאַוו, וועגן לאָמפּ:

— כ׳האב שוין געהאט, זאָגט מאָטל, אין מיין לעבן
מערערע פאלן ווען כ׳האב דערפילט די גרויסע נאָענטקייט,
די רעטערישע נאָענטקייט פון אַ לאָמפּ. נאָר יענער פאַל
איז מיר באזונדערס פאַרבליבן אין זיקאָרן. כ׳האב נאָר מיס־
פאלעל געווען, ער זאָל כאָטש געדויערן ביז טאָג.

**7**

... כ׳האָב איינגעדרייט דעם לאָמפּ און שטיל, טרעפּנדיק
דעם וועג מיטן אינסטינקט, זיך דורכגערוקט דורך דער
פינצטערער פריכאָזשע און אַרויסגעגאן אין דרויסן. זיך צו־
געוווינט צו דער טונקלקייט, באַמערק איך טרענאָזשקעס
גרויסן וואָגן און מיין בריטשקאלע לעבן אים. דאָס פערד
איז נישטאָ. איך בין אין פאַרלעגנהייט, רעד צו מיר אַליין:
געשיקט זיך, צוגעגאנוועט? הער איך עמיצן אַרויסהירזשען
פונם גרויסן וואָגן: „כאַ־כאַ! צוגעגאנוועט!.. ביט צוגעגאנוועט,
ניין!.. ביי אונדז אין שטאל שטייט!..“ כ׳גיי צו נאָענט, קוק
מיך איין: טרענאָזשקעס צוויי באָכירעם ליגן אין וואָגן
איינגעדעקט מיט אלטע זעק, אלטע קילעמעס. כ האָב אַוועק־

געשפאנט צום וועג, אַריבערגעשפרונגען דעם גראָבן און
אַרויס אויפן שטראָז· דער שטראָז··· דער זעלבער· און
נאַכט — ווי נאַכט· אויך די בערגלעך אין דער נאַכטישער
ווייט· איך הער די שטיינדלעך אונטער די פיס. רין··· אַזוי
הייסן זיי די שטיינדלעך· אַזוי האמיר זיי גערופן אַמאָל אין
שטעטל, ווען מיר זענען געווען קינדער· היינט רופן עס די
קינדער עפשער אויך אַזוי· רין... מיט אַ האַרטער רוסישער
„יערי״ און מיט אַ ווייכער „ען״··· רי־ן··· רי־ן··· ניט מיט
די אויערן, נאָר פון אונטן, פון די פוסטריט גייט עס אויף
אין מיר, נעמט מיך דורך· אָ־דער וועג, נאָר ווי אַ נערוו
דורכגעצילעט דורך מיר צו מיין געבורט־שטעטל, וואָס כ׳האב
עס פיינט אין דער נאָענט און בענק דערנאָך, וואָס צייטנ־
ווייז קומט מיר אָן: אַוועקגיין אויפן בייסאוילעם זיינעם
אין דער שטיל, זיך אַרונטערלייגן אונטער אַ שטיין און —
אַן עק· דער נערוו גייט דורך אלע דערפער — די זעלבע·
און קומט אָן אין יענעם שטעטל ווו ס׳האָט אַמאָל געלעבט
עפעס אַ מין פעטער· דאָס זעלבע שטעטל· וואָס־זשע האָט
זיך געביטן? וואָס בייַט זיך ביכלאל? און וואָס טו איך נאָך
דאָ? נאָך מיין זיידן, נאָך מיין טאטן? ערגיץ ווייט, פון
יענער זייַט נאַכט און בערגלעך האָט א אנדער לעבן גע־
אָטעמט, אַ וועלט וואָס דאַרף זיך ערשט אנטדעקן — וואָס־
זשע טו איך דאָ? ווי קום איך אַהער?.. און דאָך איז ניט
צום דערציילן, מיט וויפל בענקשאפט כ׳האָב מיך געצויגן
צו דעם אָרט, צום אַרום, צו די אלע איינזאמע זעלטענע
ליכטלעך אין די דערפער, אָט־די דערפער, ווו מיין זיידע,
מיין טאטע, מיין באבע, מיין מאמע .. איך בין צוריקגעגאַן·
אַריינגייענדיק אין שטוב, טאפנדיק דעם וועג דורך דער

פינצטערער פריכאָזשע, האָב איך פאַרנומען פון דער צווייי־טער העלפט פאַרדעכטיקע באַוועגונגען; כ'האָב געכאפט דעם טאָן, דעם ריטם, אָן צווייפל: דאָס האָבן טרענאָזשקע מיט זיין ווייַב פארענדיקט דעם יאָנטעוו, אים געקרוינט אַזוי צו זאָגן... בין איך צוליב דעם אַהער מעגולגל געוואָרן? אויף די שפּיץ פינגער, ווי אַ גאנעוו, זיך דורכגעשלייַכט צו מיר, אַוועקגעלעגט אָן אַ זייַט דאָס קישן מיטן קילעם, געפרווט שלאָפן אויף די הוילע ברעטער, ווי אַמאָל, ווי אַמאָל; אָבער שרעקליך שווער געווען: מאָטל אומרו קאָרעוו צו פערציק איז שוין ניט דער וואָס אַמאָל.

# קסענאָפאָן דער ציגײַנער

1

מאָטל פאַרקלעמט צישן די ציין אַ גלידל פון אַ פינגער, באַטראַכט דעם סימען און זאָגט:

— אַמאָל פלעג בלייבן אַן אַנדער צייכן, אַ יונגער, אַ פריילעכערי.

און אָן שום פירושים, אָן מערקבארער פאַרבינדונג:

··· האלט איך הייסט עס, ריישיס, ביי אַ לערערין וועלכע וואַרט אויף אַ זיווּג און אין דעם זכוס ווערט מאָטל אומרו מעגולגל צו סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש טרענאָזשקע פאַטאָמ-סטווענגי דוואָריאַנין, און צווייטנס, האלט איך ביי דעם זעלבן סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש טרענאָזשקע, וועלכער איז מיר מוי־דיע, אַז ער וועט מיר באַארבעטן דאָס פעלד··· פאַרטאָג, ס׳האָט קאָם שאַריעט, בין איך שוין געווען אין דרויסן, אין פעלד, געווען נאָך זער פרי, אָבער דעם אלטן פאַכטער האָב איך שוין געטראָפן דאָרטן מיט אַ פאָר אַרבעטער מאַק־דימים וואָס האָבן זיך געפעדערט, מיך פאָרגעשטעלט און געפרווּט שטאמלען אַ היסנאַצלעס לעמאַי כ׳האָב אויסגע־דונגען דאָס פעלד, שלאָגט מיר דער פאַכטער איבער:

— איר האָט גאָרניט אויסגעדונגען ביי מיר...

פּאַרקערט, ער נעמט זיך אונטער מיטצוהעלפן מיר מיט וואָס נאָר מעגליך: איך בין דאָך אַ נײַער מענטש דאָ... אינדערווייל האָבן די פעלדער זיך באַלעבט, אָפּגעטרייסלט פון זיך די נאַכט. מאַכנעס אַרבעטער האָבן זיך באַוויזן אויף אַלע שטעגן, אויף די מעזשעס, פאַרכאַפּט דאָס אויג ביז צום סאמע האָריזאָנט — אַ מאָביליזאַציע.

איז אָט ביי דעם וואָרט „מאָביליזאַציע" ווערט מאָטלען אַזוי שווער, כאָטש גיי און טו אָפּ אַ נאַרישקייט: צעוויין זיך. איז אים דערצו נאָך קאָשע, ווי אַזוי קומט עס וואָס די זעלבע פויערן, מיט פלוג, אָדער קאָסע און גאָפּל אויפן פעלד, זענען מענטשן, און בישאַס מאָביליזאַציע ווערן זיי ערגער ווי כאַיעס. ער האָט אַ שווערן כעשבן, מאָטל. ער האָט אַ שטייגער איין כעשבן מיט מאָביליזאַציע בישאַס גראָבן — ניט קיין צוקער־בוראַקעס, נאָר אָקאָפּעס. און נאָך כעשבוינעס. זיי שניידן זיך איין מיט אַ קלין אין זיינע וועלט־כעשבוינעס. ער וועט זיך עפּשער נאָך אַמאָל אומקערן דערצו. אויב ס'וועט סטײַען קויעך. ער האָט אויך עפּעס וואָס צו זאָגן דאָ און אַ דייע דערינען האָט ער — לעכאָל האַפּאָכעס — וויפל די גרויסע טומלער. עפּשער מערער, ווייל מער געליטן און מער געהאָפּט...

שורעס־שורעס, קוואַדראַטן ווי אַ מיליטערישער „קאַרע" נאָר מיט גאָפּלען און לאָפּעטעס אַנשטאָט ביקסן און שפּיזן, און זיך באַוועגט — אַזוי האָבן זיי זיך אויסגעשיילט פונם פרימאָרגן־שאָטן. און אָט האָט אַ גלאַנץ געטון די זון און, כאָטש ס'איז אַלט און באַנאַל, דאָך אַ זאָג געטון: „גוט־מאָרגן". גוט־מאָרגן, שטראָז. און גוט־מאָרגן, פעלדער. אויך דיר מענטש. אַרבעט,

אַרבעט... אַז מע אַרבעט האָט מען׳ איך זאָג עס׳ איך ווייס עס׳ ווייל איך בין עלטער׳ עלטער אַפילע פון אָט דער ערד וואָס שפייזט דיך׳ און דאָך אַזוי זיך ניט ליידיק׳ כ׳טו אויך עפעס — — — אַ פריילעכער יידישער גוט־מאָרגן שניידט זיך אַריין אין דעם אינדערפרי׳ מיין אַמאָ־ליקער טאלמיד׳ רייטנדיק אויף אַ ביסטרע פערד׳ באַגריסט מיך׳ אַ געווירבל פון רייטער׳ בריטשקאלעך׳ פוסגייער: מען לויפט נאָך אַרבעטער׳

... אינדעם יאָגט אָן סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש׳ אין אַ אלט שמוישן פּעלצל׳ אין אַ קוטשמע׳ האָט ער ווי אַ שטורעם איבערגעשניטן דעם וועג און אַריין אין מיטן שמועס וואָס כ׳האב געהאט מיטן פאַכטער׳ זע איך׳ אַז יענער׳ אַזאַ העפ־ליכער און סימפּאַטישער מענטש׳ אַ האלב־רוס האלב־פּאָליאַק׳ קוקט זיך אַפילע ניט אום אויף אים און עס איז מיר קלאָר׳ אַז ניט פאַר גייווע טוט ער עס׳ נאָר פאָשעט ער קען דעם פאַרשוין און וויל מיט אים קיין צייט ניט פאַטערן; ער ווענדט זיך צו מיר׳ צו די אַרבעטער וואָס זענען זיך צו־נויפגעקומען׳ דערביי זע איך ווי רויק ער באַפעלט: קיין הויך וואָרט׳ קיין איבריק וואָרט׳ און אלצדינג שטעלט זיך אָפּ אין אָרדענונג׳ סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש לאָזט זיך ניט׳ ער רעדט בעלאָשן „מיר״׳ מיר הייסט עס׳ מיר וועלן טון אַזוי׳ מירן מאַכן אַזוי׳ דער פאַכטער קוקט זיך אַפילע ניט אום׳ איך באמערק׳ אַז ביים ראַנד׳ צום טעכל צו׳ זענען פאַראַן אַ פּאָר העקטאַר ניט באַארבעט׳ פרעג איך דעם טאַאָם׳ דערקלערט מיר דער פאַכטער: לייקעוואַטע. רעגנט ווערט אַ שרעקליכער בוריאַן׳ רעגנט נישט ווערט אלצדינג פאַרברענט׳ דערצו איז דאָרטן דאָס אַקערן קימאַט ניט־

מעגליך· וויל איך באַוויַיזן מיין בעקיעס, זאָג איך: האָבער?..
טוט אויף מיר דער פּאַכטער אַ קוק, דעם מידן קוק פון אַ
אויסגעהאָרעוועטן מענטשן: האָבער?.. יאָ, האָבער וואָלט
זיך געמאַכט עפּשער, נאָר לוינט זיך דען?.. איך בין רויט
געוואָרן· דאָס מינדסטע קינד, דאַכט זיך, האָט עס באַדאַרפט
וויסן, אַז אין דעם ווינקל לוינט זיך ניט צו זייען קיין האָ־
בער. עס וואָלט אַפילו דעם אַקער ניט געדעקט· און נאָך
וואָס פאַר אַן אַקער דאָ וואָלט מען באַדאַרפט אַוועקלעגן!..
עס איז געווען מיין ערשטער אַרויספאָר דאָ, מיין וויזיט־
קאַרטע, און שוין דורכגעפאַלן··· און דאָ מיין נאָכשלעפּעכץ,
סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש! די גאַנצע צייט האָבן די אַרבעטער
כּויזעק געמאַכט פון אים· ניט גלייך אין פּאָנים, נאָר אַזוי
בעריימעז, אַז ס׳האָט מיר געברענט דאָס פּאָנים פאַר בושה·
מען האָט זיי געהערט זיך איבערוואַרפן מיט ווערטער: טרע־
נאָזשקאַ, טרענאָזשעטשקאַ, און איינער אַ ציגיינער, אַ לאַנ־
גער, אַ דינער מיט געניייווישע לאַכנדיקע אויגן, האָט
איינמאָל אַ זאָג געטון: טרענוזשניק· אָט־אַזוי בוכשטעבליך:
טרענוזשניק··· סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש האָט זיך געמאַכט
ניט־הערנדיק, געגעדט אומיסטן הויך, געגרויכערט ברייט־
פּריציש פונם „אייגענעם" טאַבאַק־פּעקל, וואָס ער האָט
נעכטן בעקויפט אין קאָמפּעראַטיוו, ס׳האָט אָבער גאָרניט
געהאָלפן. דאָס האָט אים ניט געשטערט אַ זאָג צו טון, ווי
נאָר מיר זענען אַרויס פונם פעלד:

— מאַקסים איליטש, איר הערט ניט קיינעם!.. איר
גאָט צו דאַנקען פאַרמאָגט אייער אייגענעם קאָפּ··· זייעט
האָבער! דאָ וועט זיך מאַכן אַזאַ מין האָבער ווי נאָר אין
די אַמאָליקע יאָרן. איך גאַראַנטיר!..

מאָטל וויל זיין אין קאַאַס און קען נישט. צופיל אַמו־זירט עס אים: אַזאַ פּוילאַק, אַזאַ לײַדאַק, האָט דאָך געהאַט געַנוג כיטראָסט און כוצפּע אים צו ווען אונטערפירן: מאָטל זאָל פאַרזייען האָבער, וועט ער, טרענאָזשקע, האָבן פון זיינע פערד וועגן.

2

... אַקעגן וואָס־זשע פאָרט דערציילן איך דאָס אַלץ? אַקעגן וואָס?

מאָטלס פאַרצווייפלונג איז אָן אַ ברעג. וואָרן סאָף־קאָל־סאָף, וואָס איז אַזוינס, אַז געווען איז אַ מענטש און דער מענטש איז געווען אַ ייד, מיטן נאָמען מאָטל וואָס גערופן האָט מען אים אומרו? און וואָס, אויב דער מענטש האט געהאט שוואַכקייטן פאַרשידענע, אַ טיילווירקלעכע, אנדערע איינגערעדטע, צישן זיי אויך אַ גאַרונג צו אַרבעט און אַ ליבשאפט צו ערד? און וואָס אַפילע אויב מען זאָל דערלאָזן אַז אָט־די שוואַכקייט זיינע, די גאַרונג צו אַרבעט, איז געווען זיין שטרויכלונג אין לעבן?.. און לאָמיר אַפילע זאָגן, אַז ניט־מעסוקן, אַ יעדער מענטש האט דאָס רעכט צו דערציילן וואָס מיט אים האָט פּאַסירט און וואָס אי[illegible] עגבערט און קוועטשט, טוט מען עס ווי דער סיידער־אוילעם: אַמאָל איז געווען אַ מענטש, האָט ער געהייסן מאָטל, האט דער מענטש געהאט גרויס גלוסטונג צו טועכץ, מאַמאָשעסדיקן טועכץ, מיטן גוף, מיטן קויעך. איז אָט די גלוסטונג האָט אים כאָרעוו געמאַכט, וואָרן... וואָרן וואָס, מאָטל?

זאָגט זיך מאָטל, אַז מען טאָר ניט אַזוי. מען דאַרף

אַרומגיין, זאָל זיין וואָס סע וועט זיין: אַז ער קען ניט אנדערש! פּאָשעט ער קען נישט.

··· ער האָט זיך געזעגנט מיטן פּאַכטער זייער פריינט־ליך, דערביי האָט אים יענער געשטעלט די זעלבע סקאַר־באָווע פראַגע: ער רעכנט צו באַארבעטן אַליין דעם באַרג? ער, וואָס קען דאָס פעלד אַזוי גענוי, ראָט אים נישט עס צו טון; זאָל ער בעסער אַוועקגיבן אויף שיטפּעס. ער, דער פּאַכטער, וועט אים רעקאָמאנדירן עטליכע אָרנטליכע פויערן, באלעבאטישע מענטשן, אַרבעטזאמע. וואָרן ער מוז וויסן, מאַקסים איליטש, אַז דאָ זענען פאַראן זייער פיל באַלאָנים אויף צו נעמען פעלד אין שיטפּעס. מען דאַרף אָבער זיין געוואָרנט, מען קען אַריינפאלן: אַסאַך נעמען דאָס פעלד און טרעטן אַריין מיט אַ פוס אָבער אַז סע קומט צו דער צייט פון אַרבעט, אַ שטייגער פראַשעווען די פּאַפּשויעס, מאַנקירן זיי, פאַרלאָזן זיך אויפן ריבוינע־שעל־אוילעם, גייען בעסער אַרבעטן צו די בעריקעס. נישט פאַר שלעכטקייט טוען זיי עס, נאָר פאַר אָרימקייט: די שוטפעס־פּאַפּשויעס מוזן זיי האָבן זיך צו פאַרזיכערן עפּעס עסן אויפן ווינטער, אָבער דאָ, ביי די בעריקעס זעען זיי שוין געלט···

מאָטל האָט אים געדאנקט, צוגעזאָגט צו נעמען אין אַכט זיינע אייצעס און זיך רעכענען מיט די רעקאָמאנדאַציעס און אַרויפגעפאָרן אויפן באַרג. אַריבערגעפאָרן אויפן שוואַרצן וועג, דעם וועג וואָס פירט צום באַרג, איז נאָך געבליבן עטליכע קילאָמעטער טאָל. מאָטל האט זיך ניט געקענט דאָ זאט אָנקוקן סיי אויף די פריע ווינטער־זריעס וואָס זענען שוין געהאט אויפגעגאנגען, סיי אויף די בעריקעס. דאָ האט מען אָנגעטאפּט מיט דער האנט די שייפע פון דער ערד.

און טאַקע האט מען אין טיפן גראָבן ביים וועג אָנגעזען דעם געדיכטן שיכט טשערנאָזיאָם. מאָטל האט זיך ניט גע־קענט איינהאלטן:

— וועמען געהערט דאָס פעלד?

לאָזט זיך אויס אַז דער דזהאָריאַנין, וואָס איז אַליין אַ שטיק פּאָמיעשטשיק, דאָ געבוירן געוואָרן, אלט געוואָרן, ער ווייסט ניט וועמענס ס׳איז דאָס פעלד וואָס ליגט ביי דער נאָזי ער פלאָנטעט, פלאפלט, וויל זיך אַרויסדרייען מיט אַ ליגן און מיט אַ כאַניפע:

— אייער פעלד איז בעסער... פיל בעסער!.. אָט וועט איר אייך איבערצייגן!..

אָבער אַרויפקומענדיק אויפן באַרג ווייסט ער ערשט נישט וועלעכס פעלד סע קער צו דער אַלמאָנעס פּאָסעסיע. ווידער געפלאָנטעט, געפלאפלט, קיין טאָלק איז נישט אַרויס דער־פון, מ׳האט געמוזט פרעגן ביי אַ פויער וועלכער האָט גע־שניטן דאָרטן קוקורוזי לאָזט זיך אויס, דער פויער האלט שיטפעס אַ העקטאר פעלד ביים אלטן פּאַכטער, טאַקע אויף דעם פעלד. דער פויער האט געוויזן דאָס פעלד, די גרעניצן און טרענאָזשקע האט געהאלטן אין איין רויגעזן זיך:

— טאַק יאַ־זש טאָזשע סאַמאָיע סקאַזאַל!

זיך געאיידעסט מיטן פויערי יענער האָט צוגעבאָמקעט:

— עמעס...

און זיך געקראצט בישאַס־מייַסע אין דער פייע און אין דער פאטיליצע.

**3**

... כ׳האב מיר גוט אָנגעקוקט דאָס פעלד אויפן באַרגי

געזען דאָס דריבנע אַנעמישע גראָז וואָס איז אויפגעקומען נאָכן שניט דאָרטן וווּ ס׳איז געווען ווײַס ברויט, די צאַרטע שוואַכע וואָרצלען פונם קוקורוז און פונם סאָנישניק, קלאָר ווי דער טאָג: מאָגער פעלד, אָרים פעלד, די צוויי סקאָסן — אָפגעקראָכן, לוי יצלעך, און דערצו סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש, וואָס האלט אין איין האַקן אַ מויעך:

— מאַקסים איליטש! דאָס איז פעלד!.. דאָ קען מען אלצדינג זייען!.. דאָ דאַרף מען מאַכן בוראַקעס!..

ער איידעסט זיך מיטן פויער און יענער איז מאַסקים, כאָטש אַביסל שלאבעריק, ער קראַצט זיך אלץ אַ פייע און באָמקעט:

— סע קען געזײַן...

... עס איז מיר געווען צו אָנגעזאלצן אויפן האַרצן, אַז איך זאָל אָנשרײַען אויף דעם אויווער־באָטל. דאָס איינציקע וואָס בלייבט צו טון איז אָוועקגיבן צו די פויערן אויף שיטפעס, אָבער צו וואָס טויג מיר דער גאנצער אייסעק? עס איז דאָך אַ פאַרבינדונג אויף יאָרן!

איז איצט נאָך, כאָטש ס׳איז שוין אָפגעלאָפן אַסאַך וואסערן פון דעמלט, איז מאָטלען אלץ שווער, זער שווער: פאַרוואָס האָט ער ניט אָפגעהאַקט אַ פאָלע, דערלעגט ויפל סע וואָלט זיך געלאָזט און — פאָטער, אַי טוט עס אים ווייי, מאָטלען, און דער ווייטיק איז ניט צום אַרויסגיבן, ניט צום פאַרטרויען, וואָס ווייסן זײַטיקע מענטשן? אים, מאָטלען, איז גוט באקאנט דער שייקער פון מיטגעפיל מיצאַד פריינט אויב דו ביזט אַ דורכגעפאלענער, אויב די פריינט האבן גאָרניט וואָס צו דערוואַרטן פון דיר — קיין אויסזיכט פון מאַטעריעלן נוצן.

ער איז אַראָפּגעפּאָרן פונם באַרג שוין בישאָס זון־זעצן· געפאָרן קיין מײַרעווי־זײַט, צום דאָרף, אין דער שקיע אַריין. דער אויסקוק·פונם באַרג אויפן טאָל און אויף דער גאַנצער סוויווע — דערפער, אָפּגעקאָסעטע און נאָך ניט אָפּגעקאָסעטע פעלדער, די גאַנצע לאַנדשאַפט אין אָוונט־אַטמאָספער, עס האָט פארכאַפּט דאָס אויג, זיך פאַרגאַנוועט אין האַרץ, אין דער נעשאָמע אַריין· אַפילע סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש האָט אויפגעהערט דולן אַ ספּאָדיק, אַנשוויגן געוואָרן· אַז ער האָט מיטאַמאָל — ווי אַ וואָראָנע וואָס דערמאַנט זיך פּלוצים שפּעט אין אָוונט אַ קראַקע צו טון — אויסגעשאָסן: „כאָראָשאָ זדיעס או נאָס! קראַסיוואָ!..״ האָט מאָטלען אָפּגע־קלונגען די גאַנצע אָפּהענטיקייט פון דעם אָרימען פּויליאַק, וואָס וויל פאַרדעקן מיט עפּעס די אומבאַהאָלפנקייט און פאַרפאַלענע פּוילקייט· עס זענען אָקעגנגעקומען און זיך געקרײַצט אין וועג: פּויערים, קלײנגוטיקע פּריצים, פּאַכ־טער· אלע האָבן געגרוסט מאָטלען, כאָטש ניט געקענט אים, געגרוסט פריינטליך, גוט־שכייניש··· מאָטל האָט דערפילט דעם אומגעהײַרן ערנסט פון ערד־האָרעוואַניע· מענטשן האָבן זיך אומגעקערט אַהיים ווי פון אַ גרויסער שליכעס, ווי פון אַ הייליקן מאָקעם, גלייך ווי אוילע־רעגל געוועזן· עס האָט גוט געווירקט, פאַרטריבן מאָטלס אָנגעווייטיקטע זיכרוינעס, געקילט די אַלטע וווּנדן, באַרויקט זיין געמיט·

דערנאָך האָט ער לאַנג שפּאַצירט ביי טרענאָזשקען אין הויף, לענגאויס דעם גראָבן, דער גרעניץ צישן שאָסיי און הויף· ער האָט געפּרווווט אין געדאַנק אויסטעכערן דאָס פּעלד, נאָכגעקלערט וואָס צו טון, וויאַזוי באַאַרבעטן, אַז ער זאָל דאָך ניט רואינירט ווערן: עפּשער ווערט די אַרבעט,

דער אויפטו צו עפעס דינען? אַ היבשער טייל איז שוין געווען פריַי פונם גערעטעניש, מ׳האָט געקענט אַריינגיין אַקערן, וויאַזוי אַקערן? ניט פאַר אלע פּראָדוקטן אַקערט מען גלייך, ער האט געקלערט און די מאַכשאָוועס האבן זיך געפּלאָנטעט ניט פרעגנדיק קיין רעשוס: אָט א־דאָ, אויף דעם שטראָז... טאטע־מאמע, זיידע־באָבע, פעטערס, מומעס... נישט איין מאָל מיסטאם נאַכט זיי פארכאפּט אָט־א־דאָ, און איצט? און דערנאָך? און דער איקער: צו וואָס?

אינדעם לויפט אָן אַ ציגייַנער, אַ יונגער, אַ דאַרער, אַ לאנגער, ווי אַ ביימל וואָלט זיך אָפּגעטיילט פון דר׳ערד און אַוועק שפּאַצירן, אויגן האט ער לויפנדיקע, אויך אויף שפּאַציר, ער טוט אַ זאָג אָפּ, ווי קינדער אויף אַ קריש־מעלייענען, אַ פּאָסעק פון איין גוס:

— גוטנאָוונט פּאָריצלעבן!

— גוטנאָוונט.

ער ווארפט אַראָפּ די טרייַסטרע פון די מאָגערע, שפּי־ציקע און אומרויקע אַקסלען, פאַרדרייט אין אייַלעניש אַ ציגאַר, פאַרויכערט און פרעגט:

— דאָס האט איר געקויפט דער אַלמאָנעס פעלד?

— איך, וואָס אי׳ דען?

— גאָרניט... ס׳זאָל זיין מיט מאזל.

— אַ דאנק.

ער רויכערט שנעל, האלט אין איין קוקן צום קלויסטער וואָס צייכנט זיך אויס אין אַ מעשונעדיקן רעליעף אויף דעם נאַכטישן פאָן, קוקט צו טרענאָזשקעס כאַטע און פּלו־צים, פאַרקלערט, לאָזנדיק ריידאליך רויך:

— כ׳האב אייך היינט געזען אַרומגיין מיט טרענאָזשקען.

ער באַרימט זיך, ער וועט אייך דאָס פעלד באַאַרבעטן. ס׳עמעס?

— וואָס אי׳ דען?

— גאָרנישט.

אין דער צייט עפנט זיך די טיר און טרענאָזשקע באַווייזט זיך. דער ציגיינער האט זיך צעלאַכט.

— זאָג נאָר, מאַכט צו אים מאָטל פון היימליכקייט וועגן, ווי אַזוי רופט מען דיך?

— מיך? קסענאָפאָן... קסענאָפאָן דער ציגיינער... און וואָס כ׳האב דיך געוואָלט פרעגן, זאָלסט ניט ברויגעז זיין, סטאם אַזוי פרעג איך, האָסט נאָך אַ פּאָר הויזן אין דר׳היים?

אינדערוויל איז סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש צוגעקומען נעענטער. ער ציט מאָטלען פאַרן אַרבל:

— מאַקסים איליטש, פּאָזשאַלוייטיע וו קאָמנאַטו... טשאַי גאָטאָוו.

און צום ציגיינער:

— גיי דיר דיין וועג, ציגיינער פאַרשיווי.

קסענאָפאָן פאלט ביי זיך ניט אַראָפּ. ער שלעפט אַרויס פון אַ הינטערשטער הויזן־קעשענע אַ ביי̆טעלע טוטון און שטופנדיק דאָס בייטעלע טאַבאַק־יעיצערהאָרע טרענאָזשקען אונטער דער נאָז, מאַכט ער צו אים זיס מיט כויזעק:

— סעמיאָן ניקאָלאַיעוויטש, פּאָרזוך אַ ציגאַר... ערשטע סאָרט!

טרענאָזשקע שפּייט אויס, אַנטלויפט פאָכענדיק מיט די הענט ווי מיט פליגלען פון אַ ווינטמיל. ער רעדט צו זיך אַליין:

— ס ציגאַנאָם ראַזגאָוואַריוואַטי..

דעמלט רוימט קסענאָפאָן איין מאָטלען אינטים ציגײ־
נעריש:

— אָן פאַראיבל, פאָריץ־לעבן... נאָר די הויזן וועסטו
דאָ זיכער איבערלאָזן... ווי גאָט איז הייליק!

און ווײַזנדיק מיטן פינגער צום אָרט וווּ ס'האָט זיך גע־
צייכנט דער קלויסטער מיטן ציילעם, זיי גענומען פאַר
איידעס.

# אַ טראָפּן פונם יאם

## 1

איז אָט די בייזע נעווע, ווי אַ זלידניע פליג האָט זי זיך אָנגעזועצט אויף מאָטלס געדאנקי איז עס אים ניט געגאנגען אָן דעם, צי וועט זי יאָ מעקיעם ווערן אָדער נישט, וואָרן וואָס סע באַטרעפט בלייַבן אָן הויזן — עס איז אים ניט דאָס ערשטע מאָל. ער איז שוין אַמאָל געבליבן ערגער. נאָר וויל עס איז די רייד פון... הויזן, נו זעט ער, מאָטל, אַ אינדערפרי, ווען אַ מענטש מיט דעם אייגענעם נאָמען, נאָר אַ יונגערער, אַ פיל יונגערער פון אים, קימאַט זיינער אַ זון, גייט און טראָגט אַ פּיצעלע קינד אויף די הענט, אנדערטהאלבן יעריק קינד איירעוו אַ יעסוימע ווערן. עס איז מיסטאמע אַ ליכטיקער פרימאָרגן, וואָרן ס'איז פרילינג אויף דער וועלט. און נאָך וואָס פאַר אַ פרילינג... אַזעלכער וואָס ער האט אויסגעכאָלעמט אין לאנגע, אין הונדערטער נעכט פון פאַרצווייפלונג, ער און זיינס־גלייכן, פאַר דער גאָרער וועלט, פאַר אלע ווען ס'איז געווען פינצטער און אָן אַ שייַן האָפענונג לאנגע דריי יאָר. איז אָט גייט ער אינמיטן דער שייַן נאָר זעען זעט ער זי נישט.

קליין קינד אויף די אָרעמס צוגעקלעפּט צו אים — דער טאטע און די מאמע — מאמע דערברענט אַזוי ווי אַ יונגע מאמע אין פאַרצערנדיקן טובערקולאָזן בלאָנד׳ ער זעט נישט ווי ער גייט׳ אָט דערפילט ער׳ אַז ער פאַלט׳ בליצשנעל באַגרייפט ער אַז ער פאלט פון אַ כאָרעוון בריקל׳ אַ מעטר די הייך׳ ער פארוואַרפט מיט די הענט אין דער הויך אויף אַרונטער׳ צום נאַקן צו׳ צום הימל־שײַן׳ דאָס קינד און לאָזט זיך פאלן אויף העפקער׳ ער איז געוואָרן צווײ באַ־זונדערע טיילן: הענט מיט קינד באזונדער און דער פאלנ־דיקער קערפּער באזונדער׳ עס געלונגט אים׳ דאָס קינד בלייבט ניט־באַשעדיקט׳ זיך ניט אַפילע דעם מינדסטן קלאַפּ געטון... ער איז געפאלן אויף שפּיציקע שטיינער׳ נאָר — גאָרניט. ער הייבט זיך אויף און גייט ווייטער׳ קיינער גייט ניט צו צונ׳אים׳ די פּראָסטע גוטע מענטשן אַרום ווייסן פון זיין אומגליק׳ רעספּעקטירן זיין גרויס צעבראָכנקייט׳ וואַגן ניט צוצוגייען צו אים׳ ער גייט ווייטער... איז אָט דעמלט׳ בישאַס דעם פאלן׳ א׳נאיינעם מיט די קני האָבן געפּלאצט די הויזן׳ די לעצטע וואָס זענען אים פאַרבליבן פון איירעוו מילכאָמע... ער האט עס באמערקט ערשט שפּעטער.

מאָטל איז רויק׳ פולקאָם רויק. די טויטע וועלן ניט לעבעדיק ווערן — זיי וואָלטן ניט געוואָלט אַפילע׳ ווען ס׳איז אָן זיי געוועגדט׳ און פאַרגוטיקונג פאַר ליידן — ער צווייפלט צי ס׳איז גאָר מעגליך. ער איז רויק. זיינע יעסו־רים האט ער געטראָגן מיטן גאנצן קויעך׳ מיטן גאנצן פיזישן און מאָראַלישן קויעך׳ ניט געזוכט קיינעם וועמען זיי איבערצוגיבן׳ ניט אַפילע אויף אַ רייגע... און אָט:

דעמלט, גייענדיק ווייטער, האט ער נאָר געפילט אַ גרויס דאנקבארקייט דערפאר וואָס דאָס קינד האט זיך ניט קיין זעץ געטון, זיך אפילע ניט דערשראָקן, אַזוי איז עס געווען אַ טייל פון אים. נאָר מיטן פינגערל געטון אַ וויש אים ביי דער באָרד:

— פאפא, בלוט...

ווער־זשע איז אים דעמלט אַקעגנגעקומען? ווער האט דאָס קינד פון די אָרעמס ביי אים אַראָפּגענומען און אזוי וואונדערליך־שטיל, מיט אזוי פיל באַטײַט אַ זאָג געטון:

— מאָטל, וווהין גייסטו?

יאָ, ס'איז געווען די איינציקע מומע וואָס איז אים נאָך דעמלט געהאט פארבליבן פון מוטערס צאד. די אָרימסטע און אָנגעפלאגטסטע, די אָנגעפראָפּטע מיט יעסורים און ליידנדיק־שטאָלצע, די מומע גיטל.

— מאָטל, וווהין גייסטו?

. . . . . . . .

2

אָבער וואָס פּלוצים, מאָטל? וויל ער איצט נעמען זיינע כעשבוינעס מאַכן?

— ניין, לעהייפעך. ער טוט גאָר — לאָמיר זאָגן — א שמייכל. ווייל ער האָט זיך דערמאנט, ווי איינער, צוויי, דריי פון זיינע כאוויירים און פריינט האבן אים ניט־איינמאָל פרום און „טיפּזיניק" אַ קניפּ געטון און דאווקע אין סאמע אָנגעוויטיקסטן אָרט, אין אָרט פון שווערסטן צאַאַר. ער טוט — לאָמיר זאָגן — אַ שמייכל, ווייל ס'איז אַ גרויס ראַכמאָנעס אויף מענטשן. אָבער דעם גרעסטן ראַכמאָנעס

האבן די זאטע און רויקע אויף זיך אַליין. איז אויס ראַכ־מאָנעס אויף זייער זאטן און רויקן געוויסן, פאַרוואָס ניט אויסטראַכטן אַ שטייגער, אַז מאָטל אומרו האט זיין באליבט קינד געפירט פופציק ווערסט אויף שטאַרקן פראָסט?.. בי־שאַס ער, מאָטל, כאָטש דאָס האַרץ האט אין אים געקלאָגט, האט געמאכט אַ פריילין פאָנים, אַ ווערטל נאָך דערצו געזאָגט און ניט געלאָזט זיין ווייב און קינד אפילע פון דער שטוב אַרויסגיין, אַפילע נישט איבער דער שוועל, אים נאָכצוקוקן ווי ער, אַ רויגירטער און פיזיש צעשמעטערטער, פאָרט אוועק אין דער ווײַטער וועלט אַריין...

ניין, ער מאַכט ניט זיינע כעשבוינעס. אַפילע דער גרויסער פאַרדראָס פון זיין לעבן, דער גרעסטער פאַרדראָס פון זיין לעבן: ווען ער האט זיך דערזען ווי אַזוי, בישאַס ער האט געמאכט מיט די לעצטע קויכעס, אין דער צוועלפ־טער שאָ, דעם פרווו זיך אויפצובויען פונם אַש פון זיינע כערבוינעס, האבן יענע וואָס האבן געזאָלט אים אַ ברידער־ליכע האנט דערלאנגען, אנשטאט דעם גאָר אים צוריקגע־שטויסן מיט פרומער אַכזאָריעס, גלייך זיי פירן אויס אַ הייליקע מיסיע, צוריק צו אומגליק און פאַרזינקעניש... ווען ער האט דערזען נאָך מערער: ווי אזוי בלינדע ענגהאַרציקייט צעטרעט זיינע איבערמענטשליכע באַמיונגען, פאַרשיט ערד אויף זיינע אָנשטרענגען און אויף אים אליין און ער קען זיך קיין אייצע ניט גיבן, ווייל — ווי זאָגט מאָטל אויף זיין. אויפן — ער גייט אַליין און צופוס, די אנדערע אין גרופע און פאָרן דערצו מיט לוקס־וואָגן... נו, האט דען מאָטלס מויל זיך דעמלט געעפנט כאָלילע צו קלאָלע אָדער לעסטערונג? ניין, ער האט נאָר געליטן און

איבערגאָר אימפּראָוויזירט עטליכע לאַפּידארע פערזן... און די פערזן, זיי וועלן מיסטאמע פאַרבלייבן אין זיין גניזא אויפן דנאָ פון דער נעשאָמע.

וואָס־זשע דען? עס איז געווען די רייד וועגן אַ דראָאונג אַז ער וועט בלייבן... נאַקעט. דאָס וויפלטע מאָל אין לעבן איז עס אים געשען?

איז וואָס באטרעפט קסענאָפאָנען — אויף אים האט ער קיין פאַריבל ניט געהאט ניט דעמלט, ניט היינט. און דאָס ניט דערפאַר ווייל מאָטל פאַרמאָגט שוין היינט אַ פּאָר איבריקע טאַכטוינעם, אָדער ווייל ער פאַרמאָגט שוין ווידער נישט. ניין, פּאָשעט: קסענאָפאָן קלינגט אים היינט אָפּ מיטן ריינעם גאָלד פון אַ מיט־זומער־טאָג.

און איצט טוט שוין מאָטל אויף אנ׳עמעסן אַ שמייכל: גאָלד... ווי קומט צו אים גאָלד? ווי קומט ער דערצו? ניין, ניט אַזוי האָט ער געמיינט צו זאָגן. ער האט געמיינט:

— מיטן ריינעם קלאנג פון קאָסעס אויפן פּרוושטיין אין די טעג פון איירעוו שניט.

די קאָסעס פלעג פאַרקויפן זיין פעטער, דער אָרימסטער און צעבראָכנסטער פון אלע פעטערס וואָס ער האָט געהאט, דער מומע גיטלס מאן.

איז נאָך אבער, ווייַזט אויס, נישט געקומען די צייט מאָטל זאָל פון אים דערציילן.

## 3

דער אָרימער קסענאָפאָן, ניט געקוקט אויף דער בייזער נעווע, ער קלינגט עס איצט אָפּ מאָטלען מיט יענעם ריי־

נעם קלאנג פון טיף־באהאלטענער כאַראַקטע, אויף זיך און אויף אנדערע. ער איז זיכער, מאָטל, אַז אט־דער קסענאָפאן ווען ער איז מאָטלען אַ כאַווער, וואלט ער אים ניט צוריק־געשטויסן צו אומגליק און אומקום. ער איז מיט אים זיכער אַז ער וואָלט ניט נאָר ניט געגאנגען גראָב און מיט שפּאָט איבער מאָטלס ווונדן, נאָר פאַרקערט, מיט גרויס איידלקייט און מיטגעפיל. ער וואָלט נישט דערלאָזט אויפצושטעלן אַ וואנט צישן מאָטלען און מאָטלס געהאָפטער וועלט. ווייל קסענאָפאָן, אויך אים האט דאָך אויסגעפעלט נאָר אַ קליי־ניקייט אַז זיין לעבן זאָל דערהויבן ווערן צום סאמע מענטש ליכן אויסלעב־זין. פונקט ווי מאָטל.

איז מאָטל מיט אים זיכער. ער האלט אויס יענע מאָס, וואָס די לעבנס־דערפארונג האט מאָטלען געגיבן אין די הענט אַריין און וואָס פאַר ניט־יידן הייסט זי:

— דער דאָזיקער מענטש, וואָס זעט אויס אַזוי צו זיין אַ מענטש, ער וואָלט געוואָרן אַ פּאָגראמשטשיק, אָדער פאַרקערט?

ער קען זיך ניט העלפן, מאָטל. עס איז זיין צוגאנג. וואס באטרעפט יידן, האט ער אויך אַ מאָס און ניט קיין ווייניקער שנײַדנדיקע, נאָר ער האלט דאָך אין דעם מאָ־מענט ביי קסענאָפאנען — טראַכט מאָטל: אַזאַ קסענאָפאן, די בייזע שאָ זאָל ניט זיין, וואָלט געווען געקענט אויסקומען אַז ער זאָל שטייען אַקסל־ביי־אַקסל לעבן מאָטלען, לעבן מאָטל אומרו... אויף געוויס אַזוי, כאָטש מאָטל האט מיט אים קיינמאָל פון די זאַכן ניט גערעדט.

איז דאָס אויך עפּעס: ער איז ניט דער איינציקער,

קסענאָפאָן. מאָטל קען נאָך צורעכענען: בערסעניעוון, יאָ־סיפן... יענע זענען אבער פון אנדערן טייג געקנאָטן: בער־סעניעוו איז געווען אַ אינטעליגענט, אַ באלטשווועט און יאָסיף — אַ, דאָס איז געווען די פרימיטיווע גערעכטיקייט אליין... יאָסיף...

אָבער די לערערין... מיט איר איז מאָטל ניט זיכער. קלאָר ניט.

און דאָס מערקווירדיקע דערביי: זי, די לערערין, איז דאָך אים געוואָרן און געבליבן אַ דוירעש־טאָוו. זי האט געוואלט אַז מיטן פעלד זאָל אים געלונגען. צי האט זי בע־עמעס געהאט עפּעס אַ באזונדערע סימפּאַטיע פאַר אים, אָדער ס'האט פון איר אַרויסגערעדט די איבערפליסנדיקע ענערגיע, דער פאַקט בלייבט, אַז נאָכדעם ווי מאָטל האט נאָך עטליכע טעג פאַרלוירן אין אומבאשטימטע קלערענישן, האט זי עס אים אַרויסגעפירט פון די הויריעסן, אויף אַ דע־רעך אַרויסגעפירט.

# זכוס־אָוועס

**1**

מאָטל איז בלייך. זיין פּאָנים ווי איינער וואָס האט אפּ־געבראָכן אַ גרויס שלעכטיקייט ביים האַרץ. איצט איז גרינגער, מען קען דערציילן.

... איך האב נאָך אלץ ניט געקענט זיך באשליסן ווי אַזוי זיך נויעג צו זיין, שפּאַציר איך אַזוי אין אַ אינדערפרי איבערן פעלד און קלער און מאַך כעשבוינעס, ס׳איז געווען אויף יענעם שטיק פעלד וואָס גרעניצט מיטן לעבעדיקן טעכל, יענץ מיט דער וואסער־מיל׳ זע איך ווי די לערערין קומט אן אַקעגן מיר, פון דער ריכטונג פון דער באן־סטאַנציע׳ מיסטאם האט זי שפּאַצירט׳ צי זי האט געזוכט די באנעגעניש? אויך מעגליך׳ וואָרן קעדיי צו גייען צו זיך אַהיים, אין „הויף" אַריין, איז איר אויסגעקומען בעקוועמער מיט דער קעגנאיבערדיקער זייַט, מיט דער זייַט פונם קלוי־סטער, פון טרענאָזשקעס שטובי ווען כ׳האָב זי דערזען, איז זי געווען אַ קלייניקייט פון מירי אָן אַ מאנטל, זומערדיק, מיט די הענט אויף אַרונטער, ווי אַ מאנצביל, איז זי צוגעקומען און הויך אויף אַ קאָל:

— זדראַסטוויטע!..

דער „אַ" פונם וואָרט קלינגט מיט גויאישער גוורע, מיט שטאַרקער נעקייווע. זי גייט פאַרביי אַ פאָר טריט און דרייט זיך אויס, בלייבט שטייען אויף דער דיסטאַנץ, נאָר מיטן פראָפיל צו מיר, אַפּאָנים קעדיי צו ווייזן דער וועלט, אַז זי כאַפּט מיט מיר נאָר אַ... האלבן שמועס:

— נו, וואָס? אָנגעהויבן אַקערן?

— נאָך נישט... איך קלער...

זי טוט אַ קוק אויף מיר שוין אַן־פּאַס, קוקט מיט כויזעק:

— און איר קלויבט אייך נאָך לאַנג צו קלערן?

... איך בין צוגעגאַן צו־איר נעענטער, זי איז רויט געוואָרן, די באַקן גליען, די גראָע אויגן לאַכן נאָך, איבערן שטערן אבער פלאַטערט אויף אַ שאָטן. מיר איז קלאָר גע־וואָרן אַז מיין צוגיין צו־איר האָט איר האַנאָע געטון. פון איר מאַסיווער פיגור, ווו אַלץ איז געזעסן פעסט, מיט וואָג, פון דער פיגור האָט דאָך געשטראַמט אַ שרעקעוודיקע וואַ־רימקייט וואָס האָט געווירקט גוט, צוריקגעשטעלט דעם גלייכגעוויכט צווישן אונדז, אויסגעגלייכט די פּראָפּאָרץ צווישן פיזישן און מאָראַלישן קויעך. זי ווערט ערנסט, וואָרנט:

— די צייט איז שוין, עס איז אָבער האַרבסט. איצט דאַרף מען פאַרכאַפּן און אַקערן...

און נאָך אַ פּויזע:

— איר פאַרמאָגט דאָך נישט קיין אייגענעם רימינענט, ווי דער פאַן באַנדראָווסקי. איר דאַרפט אַלצדינג דינגען. מוזט איר עס טון באַצייטנס. פונוואַנען רעכנט איר צו ברענגען פלוגעס?

און ניט וואַרטנדיק אויף מאָטלס ענפער, קימאט באַ־פעלעריש:

— פאָרט אַריין קיין קאָסטיקעאו, פרעגט אָן אויף אי־וואַן גאָרעא,ביים שטראָז וווינט ער, באַדינגט אים מיט זיינע פלוגעס... די בעסטע פלוגעס און די בעסטע פערד האט ער און... דאַכט נישט דערפון קיינעם.

זי האט אויסגעזען אַזוי, גלייך עפעס אָדער עמיצן פאַראָטן. זי איז אַוועקגעגאַן אָן אַ זיי־געזונט.

## 2

... אַ גאנצן טאָג איז מיר דאָס קאָסטיקעאו פון קאָפּ ניט אַרויס. אין דעם קאָסטיקעאו בין איך דאָך שוין אַמאָל געווען, אין זיין וואלד. דאָרטן האבן זיך מיינע ערשטע שרעקן אָנגעהויבן: יענער מיטן וואָלף און דערנאָך דער מיטן גראַביעזש.

מאָטל קלערט אַ ווײַלע נאָך:

... מערקווירדיק, קיינער ביי אונדז אין שטוב האט וועגן דעם ניט גערעדט, כוץ מיין טאטן. באזונדערס פלעג ער זיך דערמאנען דערינען אונטער אַ יאָנטעוו, זיצנדיק ביים טיש. ער האט ניט געקענט פאַרגעסן די זילבערנע לעפל־גאָפל, די האלבאָשע, דאָס צירונג, מער פון אלעמען דער מאמעס אַ בראָש, כאָטש דער זיידע האט שפּעטער אָפּגעקויפט דער מאמען אן אנדערע, שוין אָבער ניט געווען אַזאַ ווי יענע. קיינער כוצן טאטן פלעג דערפון ניט רעדן. ער האט מיט זיין פאַרדראָס אָנגעשטעקט מיך און איך פלעג מיך טרייסטן, אַז די רויבער זענען שוין מינאסטאם גע־שטאָרבן... אָט איז דאָך מיין מאמע געשטאָרבן... און אנדערע

באָך... אַזויפיל יונגע, איצט איז פארבליבן נאָר איינאונ־איינציקער איידעס וואָס איז געווען דערביי: פישל־שלוימע, דעם זיידנס עלצט אייניקל. פישל־שלוימע רעדט אָבער קיינמאָל ניט דערפון.

פויזע. מאָטלס אויגן — שטרענג, דאָס פּאָנים באַצאַרט. ער קרעכצט קימאט אַרויס:

— פישל־שלוימע, פישל־שלוימע!.. ווער וועט אַמאָל דערציילן דיין שווער האָרעפּאַשנע לעבן, דיין אָנהאָרעווען זיך אויף דער וועלט און דיין אָנפּלאַגן זיך...

וואָרן אָט־דער פישל־שלוימע וואָס האט קאָל־יומאָוו זיך אָנגעמוטשעט אין סלוזשבעס ביי די פּריצים — יידישע און גויאישע גוט־באזיצער — אָדער אויף אנדערע סלוזשבעס, אָט-דער פישל־שלוימע וואָס האט קיינמאָל ניט געהאט קיין דייגע קיין סלוזשבע צוליב זיין גרויס אָרנטליכקייט און צו־ליב אָט־דער אָרנטליכקייט שטענדיק שלעכט באַצאָלט גע־וואָרן, אָט דער פישל־שלוימע, וואָס פאַר אַ וווּנדערבארער מאָדעל פון אַ יידישן האָרעפּאַשניק, וואָס פאַר אַ מוסטער, לערער און וועגווייַזער פאַר יידישע פויערן ער וואָלט גע־קענט זיין: ער, דער מיטלווזסיקער, ברייטאַקסלדיקער גוואַר, דער שווייגער און טאָמים.

... ער איז געווען דעם זיידנס אַן אייניקל פון דער עלטסטער טאָכטער. זי האט געוווינט אין שטאָט, נאָר די קינדער האבן זיך נעכאוועטביים זיידן. ער איז געווען יונגער פון מיין טאטן מיט אַ יאָר פינעף־זעקס. ער איינער האט זיך דעמלט אויסגעריסן פון די רויבער און אנטלאָפן, אָבער ניט ער, ניט דער זיידע, ניט קיין אנדערע פון דער מישפּאָכע האבן קיינמאָל דערפון ניט גערעדט, נאָר מיין

צוגעלאָזטער טאַטע׳ עפּשער דערפֿאַר ווײַל ער האָט מער פֿון אַלע געבענקט נאָכן וואַלד... פֿלעג ער דערציילן אַזוי: שוין געווען שפּעט, אַלע זענען געליגן אין די בעטן, נאָר די מאַמע אַלעיאָ הַשָלוֹם, די מוזינקע, האָט זיך געפּאָרעט אין קיך. פּלוצים דערהערט זי — זי האָט געהאַט אַ מעסוקן שאַרפֿן כוש־הָשמיע — שושקעריי הינטער די פֿענצטער. טוט זי אַ פֿאַרלעש דאָס לעמפּל און קוקט זיך אײַן, זעט זי, ווי שאָטנס פֿון מענטשן שאַרן זיך ביי די ווענט. האָט זי אַ געשריי געטון „גזלנים!״ ס׳איז געווען דאָס איינציקע מאָל וואָס זי האָט אַ געשריי געטון נאָכן דערשרעק מיטן וואָלף. און אַליין אַרויף אויפֿן בוידעם און מיטגענומען די לייטער. האָט אָבער דערהערט נאָר איין פֿישל־שלוימע. ער איז צוגעשפּרונגען צו דער טיר און זיך גענומען באַרען מיט די גזלנים, ער האָט זיך אויסגעריסן און אַנטלאָפֿן אין אַ שכניםדיקן וואַלד, צום קאַזיאָנעם ליעסניטשי. די איבעריקע האָט מען אויסגעבונדן ווי די לעמער, אָבער גאָרניט געטון, אַפֿילו קיין שלעכט וואָרט ניט געזאָגט. נאָר אויפֿגעלעגט אַל־צדינג וואָס איז געווען אין שטוב אויף די פֿורן און אָנגעזאָגט: פּאַסעך־שין. דער ערשטער האָט דער זיידע אויפֿגעפּלאָנטעט אַ האַנט, אַרויסגענומען די שמאַטע פֿונעם מויל און אָנגעהויבן רופֿן די קינדער. דעמלט איז די מאַמע אַראָפּ פֿונעם בוידעם און אַלע אויפֿגעבונדן. פֿאַרטאָג איז געקומען רײַטנדיק פֿישל־שלוימע מיטן קאַזיאָנעם ליעסניטשי, שוין אָבער געווען אַכאַר האַמײַסע. אײַנגיכן זע׳מיר אַרויס אין שטאָט אַרײַן... אַזוי פֿלעג דער טאַטע דערציילן. און דערעך־אַגאָוו, בעריימעז, האָב איך געכאַפּט, אַז דער זיידע און פֿישל־שלוימע האָבן

דערקענט דעם הויפט־גאזלען, דעם פירער, נאָר דער זיידע האט אָנגעזאָגט פישל־שלוימען זאָהיר ווענאָהיר, קיין וואָרט ניט דאַכטן, און נאָך האב איך איינמאָל געכאפט בעריימעז, אַז ווען פישל־שלוימע רייסט זיך ניט אויס און אנטלויפט, וואָלט מען אלעמען געוועז אויסגעהארגעט. דאָס וואָס ער איז אנטלאָפן און האָט דערקענט עטליכע, האט דאָס לעבן געראטעוועט.

מאָטל פילט ווי ביי אים אין מויעך וואַקסן אויס ביי־מער, ווערן צו וועלדער, גאזלאָנים און שאָטנס לויערן דאָרטן און ער ווייסט ניט וואָס צו טון דערמיט.

3

פאַרנאַכט צו איז מאָטל אַרויסגעפאָרן קיין קאָסטיקעאו. ר'האָט קיינעם קיין וואָרט ניט געדאַכט, ווי וואַרוואַרא פעט־ראָוונע האָט אים געראָטן. דריי דערפער דורכגעפאָרן, אלע יענע דערפער, דעם טאטנס, דעם זיידנס, אויף וועמען זאָל ער פרעגן דאָרטן? פריילעכע דערפער, די שטיבער פון ביידע זייטן שטראָז. אין איין דאָרף דערזעט ער אַ שילד איבער אַ קרעמל: מאַלקע... מאלקע? די באָבע, די מאמע, די מומעס פלעגן רעדן פון „אונדזער מאלקען". זאָל עס זיין זי אַליין? אָדער אן... אייניקל? מאָטל שטעלט אָפּ דאָס פערד, שפרונגט אַראָפּ פונם וועגאלע און גייט אַריין. אַן אלטיטשקע דרייט זיך אום פון יענער זייט טעזשגע, וועגט, דערלאנגט, ענפערט די גויאישע קוינעטעס. אַ טאָכ־טער און צוויי אייניקלעך, דערוואַקסענע מיידלעך, העלפן איר צו. אָבער מען זעט אַז דער גאנצער ספּאָדיק איז זי. מאָטל קויפט ציגאַרן און טוט אַגאוו אַ פרעג, צי איז זי די

מאלקע פון דער וויוויעסקע? זי וואָלט זיך מיסטאם געווען איבערגעשראָקן, אָבער דער „פּאָריץ" רעדט אַזאַ היימישן יידיש!.. זי איז עס, וואָס אי'דען? אַקעגן וואָס פרעגט ער עס?.. אַקעגן דעם, וואָס... גלאט אַזוי פרעגט ער, ער האט געהאט אַמאָל אַ באָבע... די אלטיטשקע איז נאָך פלינק, זי ווערט נייגיריק:

— ווער איז געווען אייער באָבע?

— מיין באָבע? הינדע האָט זי געהייסן.

— הינדע?..

די אלטיטשקע גייט אָפּיר פון אונטער דער טעזשגע, קומט נענטער, באטראַכט אים:

— הינדע?.. און דער זיידע?

— שמואלי.

די אלטיטשקע לויכט אויף:

— וועמענס־זשע זענט איר?

מאָטל זאָגט. די זקיינע רופט די טאָכטער; די אייניקלעך, די היבשע מיידלעך, קוקן מיט כידעש ווי די באָבע באטאפּט דעם פרעמדן מענטשן, טאנצט אַרום אים. די אלטע וויל אים פּאָשעט ניט אַרויסלאָזן: הינדעס אן אייניקל!.. ביי איר פלעג מען אלצדינג איינקויפן... ווי אַזוי מ'האט זיך פארהאלטן! אייגענע... ווי שוועסטער... די מאמע... נעביך געשטאָרבן אַ יונגנט...

מאָטל מוז איר צוזאָגן, אַז ער וועט אַריינקומען... אַ קליינִיקייט!.. אָך, יאָ, זי איז געווען מיט אַ טאָג יונגער דעמלט. אלע זענען געווען יונגער און אלע זענען געווען, כוץ פאַרשטייט זיך מאָטלען. ער איז נאָך דעמלט ניט געווען, ער איז שוין געבוירן געוואָרן אין שטאָט, אָבער אויפן

בריס איז זי געווען, אומיסטן געפּאָרן··· ביז צום וועגאלע באַלייט אים די ליבע רירעוודיקע אלטיטשקע· ער וועט אַריינקומען· געוויס וועט ער אַריינקומען· אין אַ זונטיק, זייט געזונט!

עס איז שוין געווען טונקל ווען ער איז אָנגעקומען קיין קאָסטיקעאו· אַ גרויס דאָרף, אַ פאַרמעגליכס. גוטע דירעס, מיט שינדל געדעקט. פענצטער גרויסע. גוטע סטויגן ביי די שטיבער· אַ באלגופיש דאָרף· נאָר אַ שלעכטן נאָמען האט עס פון אלע יאָרן· פון טאָמיד אָן פלעג מאָטל הערן שמועסן וועגן דעם דאָרף, אַז ס'איז אַ נעסט פון גאַנאָווים און ראַז־בויניקעס· אַ סוואָרע אַז דערפאַר האט דער זיידע געהייסן מאַכן אַ שווייַג און ניט פאַרפירן קיין אַסאָקים מיט זוכן די גאזלאָני□: ער האט מוירע געהאט. מאָטל האט זיך אָנגע־פרעגט צום באַלגוף פון די פלוגעס. ער האט געוווינט ביים שטראָז אין אַ ראַכוועסדיקער דירע· ער אַליין, איוואַן גאָרעא, אַ נידריקער נאָר אַ ברייטער, אַ אויסזען אַ בעקאָוועדיקער, אַ מעיוכעס, רעדט פאמעליך, איבערלעגט, שיין, מיט רויקע באוועגונגען, העפליך· מאָטל האט אים דערציילט צוליב וואָס ער איז געקומען און יענער האט געפרעגט ווו ער האט די פּאָסעסיע· קען ער, דער באלגוף, דאָס פעלד מיט אלע פיש־טשעווקעס, ווייסט ווו וואָס פאַר אַ קליעטקע סע ליגט. אונטן מוז מען אַקערן מיט פיר פערד, פלוגעס אכטער נו־מער· אויוון אויפן באַרג איז גענוג פינפער נומער· דאָס שטיקל פאַרן הויף קען מען אַקערן מיט אַ זעקסער· ער האט פון אלע, סאמע סאַק־פלוגעס· דער שמועס גייט אָן אין הויף, פון קיין פרייַזן שמועסט מען נאָך נישט· מיטאַמאָל

טוט ער אַ פרעג, ווער מאָטל איז, פונוואַנען? דערביי איז די פראַגע אַזוי גראַמאַטיקאַל־העפליך, וואָס נאָר אין שפּאַ־נישער שפּראַך איז מאָטלען באַקאַנט אַזאַ העפליכקייט. דאָס איז יענע העפליכקייט וואָס איז נאָך מער לעקאָוועד פאַר דעם וואָס באַנוצט זי, ווי דעם צו וועמען מען ווענדט זיך... מאָטל זאָגט אים: מיינער אַ זיידע האָט דאָ אַמאָל אין וואַלד געלעבט. שמואל האָט ער געהייסן.

דער פויער האָט אויסגעהערט, געקוקט אַ ווײַלע אַראָפּ און, אויך אַזוי רויק ווי פריער:

— ביזטו שמואלס אַן אייניקל?

— יאָ... איך בין פון דער יונגסטער טאָכטער. כ׳בין געבוירן געוואָרן אין שטאָט, ווייל מ׳האָט זיי איינמאָל גע־ראַבעוועט.

דער פויער דומעט, הייבט ניט אויף דעם קאָפּ און זאָגט, ניט קוקנדיק אויף מאָטלען:

— קיין געלט האָט מען ניט געפונען... דאָס געלט האָט מען געהאַט אָפּגעשיקט פאַרנאַכט אין שטאָט אַריין...

ער האָט גערעדט דערפון גלייך ס׳איז געשען נעכטן און בסכאַקל איז שוין פערציק יאָר פון דעמלט. זיין באַהאַוונט־קייט האָט מאָטלען געפּלעפט. נאָך אַ ביסל דומען, טוט ער אַ פרעג:

— און נאָכים וואָס טוט? נאָכים לעבט נאָך? אַ שטאַר־קער געווען!

מאָטל שטויסט זיך אָן: נאָכים מיינט מען פישל־שלוימע.

— נאָכים איז אַנטלאָפן דעמלט... זיך אויסגעריסן... אַ שטאַרקער יונג געווען.

מאָטלען איז אַזש אַ ציטער אַריבער דורכן לייב. דאָס

פריש געדענקען מיט אלע פּראָטים האט געוועקט פאַרדאכט. ער האט דאָך אָנגענומען די איינלאַדונג צו בלייבן נעכטיקן. מען האט אים אויפגענומען הארכאָוועדיק, ווי אַ בעקאָוועדיקן גאסט. דער באלגוף האט זיך אויסגעשטעלט מיט די פאָטאָגראפיעס פון די זין: אָפיצירן, לערערס... אַ געלעגער האט מען אויסגעבעט אַ מאלכעסדיקס. נאָך די עטליכע נעכט ביי טרענאָזשקען איז עס געווען אַ גילדענער אָפּרו. ביי זיין גאנצער מידקייט האט דאָך מאָטל ניט געקענט אנשלאָפן ווערן. ער האט געהאלטן אין איין פאַרגלייכן אין געדאנק דעם פויער מיט פישל־שלוימען, מיט זיין טאטן. אָט דער פויער — ער איז דאָך געווען ויל עלטער פון זיי און דאָך האט מען אים געקענט גיבן עטליכע און פופציק איבערגאָר. ער איז נאָך געווען בלאָנד.

## 4

... כ׳בין ווייזט אויס צו טאָג־צו דאָך שטאַרק איינגעשלאָפן, וויבאלד כ׳האב ניט געהערט דעם גאנצן האַרמידער, ווען מ׳האט איינגעשפּאנט די פערד, אויפגעלאָדן די פּלוגעס אויף די פורן און אַרויסגעפאָרן פונם הויף. אַז מ׳האט מיך אויפגעוועקט און כ׳האב מיך אָנגעטון —ביים שייַן פון אַ לעמפּל — האב איך געטראָפן שוין אלצדינג צוגעגרייט, אַפילע מיין פערד איינגעשפּאנט. אויך דאָס פערד האט אַפּאָנים געהאט אַ בעסער נאַכטלעגער ווי ביי טרענאָזשקען: אויסגערוטער, זאטער האָט זיך עס געצויגן און געגוידערט מיט האַנאָע, צוריקגעקומען הייסט עס צו די קויכעס. עס איז נאָך געווען טונקל ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן. אויך איוואַן איז דאָס מאָל מיטגעפאָרן. ער האט

אַליין געטון, מיך אַפילע ניט געפרעגט. ער האט שוין גע־
ווּסט, ווו דאָס פעלד איז פרײַ און מען קען אַקערן. פאַר־
פאָרן איז ער גלייך צו יענער קליעטקע פעלד, וואָס פון
יענער זייט שטראָז, אַקעגן טרענאָזשקעס הויף, דאָרטן ווו
דאָס לעבעדיקע טעכל פליסט. אַפילע אַ בריקל מיטגענומען
מיט זיך פון דערהיים אויף אַריבערצולעגן איבערן שאָסיי־
גראָבן, צו קענען אַרויפפאָרן אויפן פעלד... זיך ניט פאַר־
לאָזט, אַז מ׳סטאם קער זיין... אויסגעשטעלט די פלוגעס
איינס ביי ס׳אנדערע, האט ער אָפגעלאָזט צום ערשטן איין
פלוג, דערנאָך אויף דער דיסטאַנץ פון אַ געשפאַן פערד־
און פלוג אָפגעלאָזט דעם צווייטן, דעם דריטן, דעם פערדן,
דעם פופטן. פינעף אַכטער פלוגעס געשפאנט צו צוואנציק
פעסטע פערד האבן געשניטן די ערד אין איין ברייט. אין
עטליכע מינוט אַרום איז אויפגעדעקט געוואָרן אַ שיכט ערד
וויפל פינעף לעמעכעס אַכטער נומער פארכאפן. איוואַן האט
אַליין אָנגעשטעלט די לעמעכעס, צוואנציק סאַנטים די טיף,
אַקעגן אַ שאָ אַליין נאָכגעגאן, אויפגעפאסט. עס איז געוואָרן
טאָג און די פריש אויפגעאַקערטע ערד האט אַ גלאנץ געטון
מיט איר פעטער שוואַרצקייט. די פלוגעס האבן געארבעט
רעגלמעסיק, ווי אַ גוטע מאַשין אין די הענט פון אַ געניטן
מײַסטער. איך בין נאָכגעגאן לעבן איוואַנען, אָבער אַ וואָרט
ניט געזאָגט: ניט נייטיק געווען. די פלוגעס האבן גענומען
טיף, גוט אָפגעווארפן די הרודעס, ניט געלאָזט קיין בלויזן.
די שטאַרקע זאטע פערד האבן זיך דערוואַרעמט, די שקאָ־
צים ביי די פערד דאָס זעלבע. אַז ס׳איז געוואָרן גוט טאָג
האט איוואַן אָפגעשטעלט די אַרבעט, אינאיינעם מיט די
יונגען זיך געזעצט עסן, מ׳האט געגיבן עסן די פערד. נאָכן

עסן האט איוואַן אָנגעזאָגט די מענטשן, זיי זאָלן ניט פאַל־שעווען, אַרבעטן באַלבאַטיש. מיט מיר זיך געזעגנט: ער האט שוין ניט וואָס צו טון דאָ... איך ווידער — ווי איך וויל. חיל איך קען איך נאָכגיין נאָכן אַקער, וויל איך, קען איך אַהיימגיין, אַפילו אַהיימפאָרן, די אַרבעט וועט געטון ווערן אָרנטליך סיי־ווי. געזונט און גליק!.. איך בין דאָך נאָכגעגאַן ביז מיטאָג, דערנאָך ביז פאַרנאַכט און אַזוי דעם צווייטן טאָג און די ווייטערדיקע טעג.

## 5

... דעם ערשטן טאָג, אינדערפרי, איז טרעגאָזשקע גע־קומען צו לויפן. דערזען ווי מען אַקערט, האט ער זיך גע־רויגעזט, געפרווט זיך אַריינמישן, אָנווייזן, זאָגן אַ דייע, נאָר קיינער האט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט. האט ער זיך געדרייט אין טולופל אַהין־אַהער, פאַרשפּיליעט, אויפ־געשפּיליעט, אַרויפגערוקט די קוטשמע, אַראָפּגערוקט, גע־שנייצט די נאָז אי אַזוי אי אַנדערש, פאַרויכערט אַ ציגאַר, אונטערגעשטופּט דאָס פּעקל טוטון צום באַלגוף, יענער רוי־כערט נישט... סאָף־קאָל־סאָף זיך אָפּגעטראָגן אַהיים אַ ברויגעזער. אויפדערנאַכט איז ער מיר מוידיע, אַז דאָס ווייב האט זיך איבערלעגט, זי דאַרף האָבן דאָס צימער. בין איך מאסקים: מאָרגן צי איך מיך אַרויס. זאָל ער מיר גיבן אַ כעשבן וויפל דאַרף איך באַצאָלן פאַר די עטליכע טעג. קומט ער שפּעטער מיטן סאַמאָוואַר, רייַבט זיך אָן אויג: „עפּעס איז מיר אַריַין, דער רועך ווייסט וואָס, אין אויג"!.. און איז מיר מוידיע, אַז מיילע, איך בין שוין דאָ, וועל איך שוין בלייבן... האָט ער אויך געפּויעלט, איך בין געוועזן

טויט־מידי ווייל קילאָמעטער כ'האב יענעם טאָג געמאַכט צו פיס, ווייס איך נישט, אויך די אנדערע טעג. אין מיישעך פון די טעג האָט זיך עטליכע מאָל געיאָוועט, קלוימערשט צופעליק, די לערערין, געכאַפּט אַ קוק אויפן אַקער און מיט די אויגן מיר פאַרטײַטשט: ס'איז טאָוו... אַ שאָכן אַ פּאַכטער, אַ ייד, איז דורכגעפאָרן פארביי, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך צוגעקוקט, געפרעגט ווי טײַער איך צאָל און זיך געכידעשט: ער צאָלט אויך דעמזעלבן פרײַז, אָבער ס'איז ניט דער אַקער, אַזאַ אַקער קאָסט געלט!.. טרענאָזשקע און זיין אישע האבן מיך געהאלטן אין איין פאָרשטן, געוואָלט „דערגיין דעם עמעס" וואָס פאַר אַ פרייז איך צאָל, ווייזט אויס, מ'האט געשמועסט פון דעם אַקער, די טרענאָזשקעכע האט דערביי כאמעראייזלדיק געגלאנצט מיט די טאוועדיקע אייגאלעך און דערקלערט: „אַזאַ אַקער מאַכט מען ניט אומזיסט!.." און אינגיכן איז געשען אַזוינס וואָס האט שוין אויסגעוויזן עפּעס גאָר מעכוץ לעדערעך האַטייווע, אַזוינס וואָס אין די מעקוימעס פאַסירט עס גאָרנישט און עס איז נישט צום גלייבן אַז סע קען פאַסירן: נאָכדעם ווי מיר האָבן געענדיקט יענע קליעטקע אַקעגן טרענאָזשקעס הויף, זענען מיר איבערגעגאַן אויף דעם שטיק פעלד וואָס הינטער דער אַלמאָנעס הויף, דאָס שטיק וואָס ליגט צום דאָרף צו, פון יענער זייט אויסגעטריקנטן טעכל. איז די ערד דאָ זומפּיקע, לייקעוואַטע, שווערע, די ארבעט דאָ איז צוגעגאנגען מיט מי. די שטארקע פערד זענען צוגעשטאנען... די ארבעטער האבן דערציילט דעם באַלבאָס, איז איוואַן געקומען צופאָרן, באַטראַכט, זיך געקראצט אַ פּייע און געפּאסקנט:

— ביזט שמואלס אייניקל... פארפאלן. איך וועל מיט דיר ניט דרייען. וועסט אָפּקומען נאָר מיט בראָנפן פאַר די מענטשן וועגן.

דאָס האט שוין געמאַכט גאָר אַ גרויסן רוישעם. די לע־רערין, גייענדיק פונם דאָרף — ס'האבן זיך שוין געהאט אָנגעהויבן די לימודים אין שול — האט זיך אָפּגעשטעלט און זיך צוגעקוקט. די אַרבעטער, היימישע מיט איר, האָבן איר דערציילט וועגן פסאַק מיטן בראָנפן. האָט זי צו מיר אַ זאָג געטון: „קומט באַלייט מיך אַ ביסל". און אויפן וועג, גייענדיק:

— איר האָט ערגיץ הייליקע וואָס מיען זיך פאַר אייך...

זי האָט געקוקט אַזוי גלייך ס'ערשטע מאָל מיך דערזען, גלייך זי האט מיך אָקארשט אנטדעקט. איך וואָלט געקענט שווערן, אַז זי איז געווען שטאָלץ מיט מיר.

# ע ר ד

## 1

ווייסט נאָר ער, מאָטל, וואָס מיט אים טוט זיך, בישאַס ער רעדט פון ערד־אַרבעט און דאָס אלצדינג וואָס שנירלט זיך צוזאמען דערמיט: אַוּוידאס־אדאָמע, טאטע, אויך דער־זעלבער גוירל — אַריבערשפּאנען מוז מען דעריבער, וואָרן מען דאַרף דערציילן און דאָס דערציילן האט אים אַריינ־געצויגן, קימאט־קימאט מיטגעריסן.

··· אין דער צייט האָב איך באַשלאָסן באַארבעטן דעם באַרג. דער באשלוס איז געקומען מינאסטאם דערפון וואָס די אַרבעט האט מיך געהאט דערוואַרימט, אויפגעוועקט די דרימלענדיקע ענערגיע. האָב איך מער ניט געוואַרט ביז איוואַן וועט פאַרענדיקן דעם אַקער אין טאָל, נאָר געדונגען אנדערע פלוגעס, לײַכטע, צישן זיי אויך טרענאָזשקעס און אַרויפגעפאָרן אויפן באַרג. כ׳האב אויסגעקליבן דעם מיט, דעם פלאַך פונם באַרג, פאַרטיילט כאַלאָקים, יעדן פלוג אַ טייל, ווייל דאָ האָב איך נישט געקענט אויסשטעלן די פלו־געס איינאיינעם, מאכמעס ס׳זענען געווען פאַרשידענע, פרעמדע צישן זיי. די ערד דאָ איז גרינגער, די אַרבעט אַ לײַכטע: אַקערן טיף טאָר מען נישט, ווייל דער פרוכטבאַ־

רער שיכט איז אַ דינער און וואָס טיפער איז די ערד מאָ־
גערער· די פעטע ערד־ווערים וואָס דער אַקער האָט אויפגע־
דעקט אָן אַ צאָל דאָרט אונטן, זענען דאָ קימאט ניט געווען בע־
נימצע. כ'האָב דאָך געמוזט דאָ אויפפאסן מער ווי אונטן. ווייל
האָב איך נאָר פאַרקוקט, האט שוין עמיצער אונטערגעהויבן
דעם לעמעך, זיך געמאַכט נאָך גרינגער, אָדער גאָר אינגאנצן
געפאלשעוועט··· אינדערווייל האב איך דעם באַרג בעסער
אויסגעפאָרשט, באַמערקט, אַז די ערד איז ניט אומעדום
אלצאיינע: פאראן בעסערע שטיקער, געמיינערע· צופוסנס
דעם באַרג, ביי זיין מיַירעוו־זייט, ביי דער „פאָלע” פונ[illegible]
באַרג, אָנגעטראָפן עטליכע העקטאר זייער גוט פעלד, עס
געלאָזט פאַר טיפן אַקער, צו פאַרזייען מיט צוקער בוראַקעס·
די סקאָסן געאַקערט אין דער ברייט, קעדיי בישאַס רעגן
אָדער וועסנע ביים שניי־שמעלצן, זאָל דאָס וואסער ניט אָפּ־
שווענקען די אייבערשטע ערד· כ'האב אלצדינג געטון מיט
כעשבן, זיך געסטאַרעט אַז דאָס גאנצע פעלד זאָל זיין פאַר־
אַקערט פון אַצינד שוין, פון אָסיען, קעדיי צו האָבן „זיאַבלא”·
די נאַכט האָט מיך אַרויסגעטראָגן, די נאַכט האט מיך צו־
ריקגעבראַכט, שפעטנאַכץ אַהיימגעפאָרן אין שטאָט אַריין
און זונטיק פאַרנאַכט געווען צוריק· כ'האב געטריבן די אר־
בעט מיטן מעגליכסטן שנעלן טעמפּאָ· ס'איז געוואָרן אלץ
קעלטער, אויפן באַרג איז געווען אַ קרירע אומצוקומען,' נאָר
כ'האב ניט איבערגעריסן, געוואָלט אומבאדינגט ענדיקן,
אָבער ניט באוויזן: עס איז מיטאַמאָל געוואָרן ווינטער·
שאבעס פאַרנאַכט בין איך אַהיימגעפאָרן זיך איבערבייטן,
זונטיק אינדערפרי איז שוין אויסגעפאלן אַ טיפער שניי· די
אַרבעט איז געבליבן שטעקן ביז פרילינג·

## 2

... אין יענער צייט, בישאַס כ'האב געהאלטן אין פאַראַקערן דעם באַרג, האָט מיר טרענאָזשקעס ווײַב עטליכע מאָל מוידיע געווען: „געקומען צונ'אייך מענטשן פונם דאָרף...” און טרענאָזשקע האָט פאַרטײַטשט: „פויערן... וועגן פעלד געקומען, ווילן אויף שיטפעס נעמען”. כ'האב אָבער קיין צייט ניט געהאט אויסצוהערן און זונטיק, דעם איינציקן פרײַען טאָג, בין איך געפאָרן צו מייניקע, צו מיין מישפאָכע.

(דער מעכאבער פונם בוך האָט אַ באַקאַשע צום לייענער, ניט ברויגעז זיין אויב ער דערלויבט זיך אַ איבערײַס, אַזויפיל וויפל אַ מענטש דאַרף האָבן פאַר זיין אייגענעם געמיטער, דער אומרו מאָטל אַליין, פאַרלאַנגט אַזויפיל אויך נישט).

... איינמאָל האָב איך געטראָפן אַ צעטעלע פונם פריריקן פאַכטער. דאָס האָבן אייניקע פויערן געבראַכט אַ רעקאָמאַנדאַציע פון אים. טרענאָזשקע און זיין ווײַב האָבן כויזעק געמאַכט, מיך געוואָרנט אַז ער וויל מיך אַריינפירן אין אַ בלאָטע, כ'האב זיי אָבער ניט געגלויבט און ס'ניט געווען וועמען. שפעטער האָב איך מיך איבערצייגט, אַז די פויערן זענען בעמעס געווען הויפט־אָרנטליכע און אַרבעטזאמע. דאָס איז מיר געווען אַ דערפאַרונג, ניט צו גלייבן קיין פויליאַקעס. אַן ארבעטזאמער מענטש וועלכער אַרבעט בעמעס, וועט זעלטן פאַרפירן, בישאַס פאַראַזיטן און אַוואַנטוריסטן — קימאט שטענדיק. און אין איינעם אַ טאָג, בישאַס איך בין נאָכגעגאנגען נאָכן אַקער אויפן באַרג, איז אָנגעלאָפן קסענאָפאָן. ער האט געקוקט־געקוקט, אַראָפגעכאפט דאָס היטל און באַגריסט מיט אַ אַלגעמיינעם „גאָט־העלף” און אַוועק־

געגאַן׳ אין אַ פּאָר טעג אַרום ווידער זיך געיאָוועט, אָפּגע־טשיפּערט ווען איך בין אויסגעקומען לעבן אים, אַראָפּגע־כאַפּט ווידער די קוטשמע און שוין גלייך צו מיר:

— גוטער אַקער... זער גוטער!

... ער האָט זיך מיר נאָכגענומען און אַריינגערעדט:

— כ׳מוז דעם עמעס זאָגן, מ׳האָט נאָך קיינמאָל אויף דעם פּעלד אַזוי ניט געאַקערט. און נאָך האַרבסט־אַקער!.. דאָ פּלעג מען וועסנע אַ קראַץ טון און פאַרטיק, פאַרזייען.

ער האָט געפּרוווט זיך אָפּשטעלן, געמיינט מיסטאָם אַז כ׳ל טון דאָס אייגענע, אָבער אַזוי ווי איך האָב ווייטער גע־שפּאַנט, האָט ער קיין ברירע ניט געהאַט, מיטגעשפּאַנט און ווייטער אַריינגערעדט:

— אַלע זאָגן דאָס אייגענע. אַ טאָעס געהאַט. געמיינט ביזט אַ „פּרייער".

— און וואָס זאָגט פון באַנדראָווסקי? פרעג איך אים.

— פון באַנדראָווסקי האָט גאָרניט געזאָגט. נאָר אַז מ׳האָט דיך אָפּגעריבט מיט דער פּריי, און ס׳איז אים אַ שאָד. ביזט, זאָגט ער, אַן אָרנטליכער מענטש.

— פונוואַנען ווייסט ער?

— ער ווייסט... מיר אַלע ווייסן שוין.

פויזע. מאָטל שווייגט, מוז מען אים אונטערהעלפן. וואָרן ער טראַכט אַלצאַיינאַיינעם: אַנדערש האָט באַדאַרפט אַוועק זיין לעבן, גאָר־גאָר אַנדערש. און אָט־אָ יענער מאָמענט, יענער שמועס אויפן באַרג גייט אויף אין מאָטלען מיט אַ טרויער פון די סאַמע טיפן.

קסענאָפּאָן האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט. פעסט, אָנגע־

שטרענגט. די הויט אויף זיין מאָגער ציגיינער־פּאָנים האט באקומען אַ באזונדער געלקייט. ער האט אַ פרעג געטון:

— און וואָס רעכנט איר צו מאַכן מיטן פעלד?

מאָטל האָט געשוויגן. האָט קסענאָפאָן שוין גאָר שטיל־באָר דייטליך אַ זאָג געטון:

— און מיט אונדז, פויערן, וואָס רעכנסטו צו טון?

און פאַרטײַטשט:

— מיר, אַסאַך פון אונדז, פון די רייכע איז ניט די רעדע, זיי די קולאַקעס האָבן גענוג, צופיל האָבן זיי, אָבער מיר אָרעם פאָלק, מיר האבן ניט קיין אייגענע ערד, פלעגן מיר נעמען אויף שיטפעס און אַרויסציען אַ שטיקל מאמע־ליגע. אָבער אַז דו ווילסט באַארבעטן אַליין!..

. . . . . . . . .

### 3

איז דאָך ביי מאָטלען דאָס דערציילן ניט קיין מעכע־טייסי־זאַך. ס'איז פאַר אים — ווייסיך — קימאט אַ ווידע. און זיין גרעסטע מוירע: ער זאָל כאָלילע ניט פעלשן. וויל ער אויך דאָ זיין עמעסדיק און ניט פאַרדעקן זיינע זינד, אָדער כאָלילע זיך ניט אויספּײַנען. וואָס האט ער געקענט טון? ער האט גערעכנט דורך אינטענסיווער אַרבעט, דורך סייכלדיקן אויפטו זיך ראטעווען פונם אומגליק. פון דער אנדערער זײַט אָבער — ער, מאָטל, אין דער ראָל פון אַ פּאַריץ וואָס נעמט אַרויס דעם ביסן מאמעליגע ביים פויער פונם מויל? — — —

קסענאָפאָן האָט אויף אים געקוקט פון אונטערן שטערן, פון דער ערד אַרויף און אַ זאָג געטון:

— פּאָריצל, הער מיך אויס. איך ווייס, וואָס דו טראַכסט. דו טראַכסט, מירן דיך פארקוואסען, אַריינטרעטן מיט אַ פוס אין פעלד אַריין, דערנאָך פאַרלאָזן די פּאַפּשויעס ניט געפּראַשעוועט, ניט געאַרבעט צו דער צייט און אַליין אַוועק-גיין צו די פּריצישע בעריקעס... אַ יאָ אַזוי טראַכסטו?

געזען אַז ער האט געמאַכט אַ רוישעם, איז ער פריילי-כער געוואָרן, דאָס פּאָנים און דער גאַנצער באַוועגליכער קערפּער האָבן אָנגעהויבן שפּילן:

— פּאָריצל, זאָגט ער, איך פאַר קיינעם גאַראַנטיר נישט, אָבער פאַר מיר און פאַר מײַנע וואָס איך וועל דיר ברענגען, פאַרענפער איך!

דער „פאַרענפער איך" אין מויל פון דעם נעבעכדיקן האָליאַק האָט געקלונגען מאָלע־כיין. מאָטלען איז ער געווען זייער סימפּאַטיש. ער האָט איבערגעפרעגט:

— פאַר וועמען זשע פאַרענפערסטו?

— פאַר מיר! האָט קסענאָפאָן געקלאַפּט אין דער מאָ־גערער ברוסט ווי אין אַ פּידל.. פאַר מיר קוידעם קאָל. און וויפל מען וועט דאַרפן צוגיבן וועל איך צוגיבן. כ'ל אָפּאַרבעטן ביי דיינע בעריקעס... קענסט פרעגן אויף מיר ווו דו ווילסט. איך אַז איך זאָג אַ וואָרט איז עס הייליק. קענסט פרעגן ביים פּאַן באַנדראָווסקי, ביי דער לערערין. ביי בערסעניעוון.

— ביי וועמען?

— ביי בערסעניעוון, פיאָדר איוואַנאָוויטשן. דו קענסט אים נאָך נישט און ער האָט געפרעגט אויף דיר... דאָס איז אַ מענטש!.. נאָך איינעם אַזאַ מענטשן אויף דער גאַנצער וועלט געפונט מען נישט!

קסענאָפּאָן איז אַריין אין עקסטאַז, געוואָרן מעליצעדיק־געשפּילט:

— דו קוק נישט דערויף וואָס די פּאַפּשויענע פּריצים לאַכן פון אים. איצט לאַכן זיי. אָבער פריער? פריער וואָס עפּעס — איז געווען פּיאָדר איוואַנאָוויטש. „מירן אָנשרייבן צו פּיאָדר איוואַנאָוויטשן״... „ע־ע, אונדזער פּעדיאַ! ר׳ט נאָך מיניסטר ווערן״!

ער האָט נאָכגעקרומט די אָרטיקע פּריצימלעך אין זייער רעדן, זייער הוילעך, געהויבן ביז צום הימל דעם, מאָטלען געוואַגליך נאָך אומבאַקאַנטן, פּיאָדר איוואַנאָוויטשן. ס׳האָט פון אים געשפּרודלט מיט ציגיינער־הומאָר, מיט ביזו צו די פּריצים און קימאַט געצנדינערישער רעספּעקט צו בער־סעניעון. און צום סאָף אַזוי אזעסדיק און דאָך אַזוי כיי־נעוודיק אַריינגעשעפּטשעט מאָטלען:

— נו, און איך אַליין בין שוין גאָרניט ווערט?.. און ווידער: וועמען־וועמען, אָבער דיך וועל איך זיכער ניט פאַרפירן... עפּעס זענען מיר דאָך שטיקלעך קרויווים: אַ ייד און אַ ציגיינער!

## 4

אין יענער צייט זענען צוגעקומען נאָך אַ פּאָר קליינ־קייטן וואָס האָבן מאָטלען זייער באַטריבט. ער האָט ערשטנס אַנטדעקט, אַז אַקער־פעלד האָט ער ווייניקער ווי לויט ער האָט גערעכנט נאָכן קאָנטראַקט. אויסמעסטנדיק דאָס פעלד קעדיי צו באַשטימען פּינקטליך ווו וואָס און וויפל צו פאַר־זייען, האָט ער באַמערקט, אַז ער פאַרמאָגט ווינציקער מיט אַ וועלכע זעקס העקטאַר. עס איז געווען פאַר אים אַ פּריי־

שער קלאפּ· ער האט איבערגעשמועסט [illegible]קויעך דעם מיטן פּריריקן פאַכטער, האָט אים יענער באשטעטיקט אַז אַזוי איז עס, אָבער עס איז אַ פארפאלענע זאַך: עס איז אַן אלטער גרייַז וואָס האט זיך אַריינגעכאפּט. אין די פּאַפּירן בישאָס... ווייסיך, לאנג שוין. אַזוי גייט עס, מען קען גאָר־נישט מאַכן·

דערנאָך האט ער דערזען אַז ער פאַרמאָגט נאָך ווייני־קער אַקער פּעלד, מאַכמעס דער הויף, ביידע טעכלעך און די מעזשעס גייען אַריין אין כעשבן פונם פּעלד־שייטעך. עס [illegible]וען נאַטירליך ס'זאָל זיין אַזוי, אָבער צום איקער, צום אויסזיכט פונוואנען זיך אַרויסצוראטעווען פון דעם שלעכטן אייסעק האָט עס ניט גענוצט· מאָטל איז געווען דערפון זייער באַצאַרט.

ווייטער האט ער געהאט יעסורים ביים צערעכענען זיך פאַרן אַקער אויפן באַרג. עס איז געקומען דערפון, וואָס די פויערן האבן געפּויעלט ביי זיך אַז מאָטל איז אַ נייער מענטש אין דעם געביט: עס איז העכסטוואַרשיינליך אַז טרענאָזשקע זאָל עס זיי האָבן אַזוי איינגערעדט· האבן זיי זיך געמאַכט אַליין דעם כעשבן לויט זייער כיישעק און פארלאנגט געלט פאַר ניט קיין געטוענער אַרבעט· געבויעט האבן זיי דעם כעשבן דערויף וואָס געוויינטליך אין דאָרף ווערן געמאָסטן אַלע פיר זייַטן פונם שייטעך, די מיטעלע ברייט ווערט געקייפּלט אויף דער מיטעלער לענג... איז עס ריכטיק, אָבער דאָרטן זענען געווען קלינעס, שטיקער אין פאָרם פון טראַפּעציעס... דערצו האט מאָטל געמאָסטן מיט אַ לאנגן שטריק, די פויערן — מיטן שטעקן, מיט דער „פראזשינע". דער אומ־גליק איז ניט געווען מי־יעדייע ווי גרויס, אָבער מאָטלען

האט געאַרט עפּעס אנדערש: אים איז געווען קלאָר, אַז יעדער פון זיי קען דעם כעשבן גענוי און ווייסט אויך אַז מאָטל האט רעכט, נאָר איינמאָל געפּויעלט ביי זיך אַז מען דאַרף און מען קען דעם פרעמדן אָפּפרײַערן, האָבן זיי שוין אַגעוו אויך געפּויעלט ביי זיך אַז זיי האָבן רעכט. האָט ער געבעטן איוואַן גאָרעא יענער זאָל אַרויפגייען אויפן באַרג איבערמעסטן, איוואַן האָט אָבער אָפּגעזאָגט: ער מישט זיך ניט צישן פרעמדע, זיי זענען געווען, די אנדערע, ניט פון זיין דאָרף. דערצו איז ער אַ מעיוכעס פון קאָסטיקעאו און זיי דאָ וואָס? איירעוו־ראוו!..

האָט זיך געיאווועט קסענאָפאָן און געוואָלט זיך אַריינ־לעגן אין שאָלעם, פאַרוקט די קוטשמע אַרויף — דאָס איינ־ציקע ווינטער־מאלבוש וואָס ער האט געטראָגן, ווייל ס'אי־בעריקע איז אויף אים געווען זומערדיק: אַ פארוסינען געפּאסט אנצוגל מיט אַ ווײַס אָפּן העמד... — ער האט פאַרוקט די קוטשמע, האבן די בלאָע אָדערלעך פון זײַן ברוינען שטערן אַרויסגעשטאַרצט און פולסירט, און ער האָט אַזוי געזאָגט:

— מענטשן גוטע... דער זאָגט אַזוי, דער אַזוי. פרעגט מען אַ דריטן. פרעגט מען אַ אָרנטליכן מענטשן.

— וועמען אַ דריטן? רויגעזן זיך די באַליי־טײַנע.

— פּיאָדאָר איוואַנאָוויטשן!.. ענפערט שאַרף קסענאָפאָן.

שמייכלען צום ערשטן די פויערן, אנדערע לאַכן. קסע־נאָפאָן ווערט אָבער שטרענג און כאָטש ער איז אַ קאבצן און אַ ציגיינער און זיי באַלעגופים, ווערן זיי באָטל אַקעגן אים, וואָרן:

— ע... פיאָדר איוואַנאָוויטשן... יאָ... אַז פיאָדר איוואַ־נאָוויטש וועט געפונען.

איז עס אָבער דערצו ניט דערגאַנגען, ווייל צולעצט איז מען דאָך דורכגעקומען. דער ערשטער האָט נאָכגעגיבן דער אַלטער ראָמאַנעַנקאָ, אַן אַמאָליקער גרעניץ־וואַכמיסטער, וואָס איז דאָ פאַרבליבן נאָך פון סלוזשבע־צייט, פון אַ יאָר פופציק אָדער זעכציק צוריק. אַן אַרבעטזאַמער און אָרנט־ליכער זאָקן האָט אים דער שווינדל געמוטשעט. איז ער געקומען אין אַ אינדערפרי, זיך אָוועקגעזעצט ביי מאָטלען און גענומען דערציילן זאַכן פון אַמאָל. מיט אַסאַך הומאָר דערציילט, ווי ער האָט לויט אַ באַפעל נאָכגעיאָגט כאַפּן איינעם אַ רוסישן באַקאַנטן רעוואָלוציאָנער און אויפן וועג האָט זיך אים צעבראָכן אַ ראָד. ער האָט געמוזט אינאיינעם מיטן ראָטמיסטער גייען אַ צוואַנציק ווערסט צופוס ביז זיי זענען אָנגעקומען צונ׳אַ יישוב — אַמאָליקע יאָרן אין בעסאַראַביע!.. זיי האָבן דעמלט פאַרשאָלטן דאָס געביין סיי דעם צאַר סיי די רעוואָלוציאָנערן וואָס שטייען ניט אויף אַן אָרט און לאָזן זיך ניט כאַפּן...

— שוין גלייכער צו האָבן צוטון מיט הינער, האָט דער אַלטער געשפּאַסט: מען נעמט אַ פּאָר קינדער און מען זאָגט: לויפט, כאַפּט, כאַפּן זיי...

אָפּדערציילט די מייסעס האָט ער געוויזן דעם כעשבן, אַנערקענט אַז מאָטל האָט רעכט, געבעטן ער זאָל ניט ברויגעז זיין.

און אַז ראָמאַנעַנקאָ האָט אַזוי געטון האָבן די אַנדערע נאָכגעטון. איין טרענאָזשקע האָט זיך געוואָרפן:

— ווייסיך, וואָס ווייסט ער דער אלטער אויוועו־באָטל ? ער האט שוין באלד נײַנציק יאָר !

דער אלטער אויוועו־באָטל איז אָבער נאָך אלץ געווען דער בעסטער ארבעטאָרער אין דאָרף און דער אַשאזעטער באַלעבאָס. שוין דאָס אַליין וואָס טרענאָזשקע איז געווען דער באַל־טײַנע, האט דעם אוילעם ווייך געמאַכט. פּאַרקערט, ס׳האט אויסגעזען, אַז אלע זענען צופרידן, וואָס האָט זיך אַזוי געענדיקט... מאָטלען האט עס דאָך געקאָסט געזונט, ער האט זיך עס גענומען צום האַרצן צוליב אַסאַך טאַמים.

דאָס זענען נישט געווען די איינציקע דערנער. עס זע־נען געווען אנדערע, מער שטעכיקע.

## 5

צעווישן איבעריקן איז געווען איין דאָרן, וואָס אויף אים האט מאָטל ניט געקענט פאַרמאַכן קיין אויג: דאָס „צוגיבן"· קסענאָפאָן האָט זיך געמאַכט פאַר אַ גאַלאַנטאָן, ער וועט צוגיבן וויפל מען באַדאַרף... מעגליך, אַז דער דורכגעטרי־בענער ציגיינער האָט פארשטאנען אַז מאָטלען איז שווער צו מאָנען דעם צוגאָב און דערפאַר האָט ער אומיסטן דער ערשטער אויפגעבראָכן דעם שמועס· וואָרן ס׳איז געווען אַזאַ מינעג: די פויערן וואָס האָבן גענומען פעלד אויף שיטפעס ביי די פאַכטערס, האָבן געגיבן אַקער, זריע, ביכ־לאל די גאנצע אַרבעט און כוצדעם האָבן זיי צוגעצאָלט צו יעדן העקטאַר אַ געוויסע סומע געלט מעזומען, בעאיירעך אַ פיפטל פונם באַטרעף פונם אַרענדע־פרייַז· אויף אַזאַ מין אויפן האָבן די פאַכטערס זיך אויס„געביליגערט" דאָס איב־ריקע פעלד... עס איז מעגליך, אַז ביי די פרייַזן וואָס די

פאַכטערס האָבן געצאָלט די פּריצים פאַר פעלד האָט זיי אנדערש ניט געלוינט אַוועקצוגיבן אויף שיטפעס· אָבער פאַרן פויער, באַזונדערס פאַרן אָרימען איז עס געווען אַ שווערער אָל· מאָטל האָט בעשום אויפן ניט געקענט פויעלן ביי זיך דעם העטער אויף צו נעמען דעם צוגאָב, וועלכער איז געוואָרן שוין אַ מינעג אין דעם קאנט זייט די בערי־קעס־פלאנטאַטאָרס האבן אויפגעשרויפט די פּרייַזן אויף ערד· פון דער אנדערער זייט האט זיך מאָטל אָפּגעגיבן כעשבן, אַז כוץ דעם דירעקטן מאַטעריעלן שאָדן וואָס ער וועט האָבן פונם אָפּזאָגן זיך פון צוגאָב, וועט ער האָבן אויך מאָראַלישן שאָדן: עס וועט פאלן זיין פּרעסטיזש און דאָס וועט אים ווידער אַסאַך שאטן. ער האָט זיך ניט געמאַכט קיין אילו־זיעס, אָבער פון דער פויערשער נויט ניט געקענט נעענע זיין··· דהאָט ער מוידיע געווען קסענאָפּאָנען:

— קיין צוגאָב ווִיל איך ניט... איך פארלאַנג נאָר מען זאָל גוט און אָרנטליך אַרבעטן. איר וועט מיר נאָר אומקערן פאַרן אַקער. סיי־ווי וואָלט איר געצאָלט אַסאַך טייערער און סע וואָלט נישט געווען אַזאַ אַרבעט. הייַנט זעסטו דאָך אַליין, ס'איז אָסיען־אַקער.

קסענאָפּאָן האט אַראָפּגערוקט די קוטשמע ביז צו די אויגן און די אויגן האבן געשפּילט:

— פּאָריצל, זאָגט ער, מיר קיין געלט האבן נישט, נאָר אַרבעט· מירן אָפּאַרבעטן ביי דיינע בעריקעס··· מיר קענען שוין מאַכן אַ פּרייַז·

איז עס ווידער געווען אַ כיטרע פּרווו אונטערצורוקן מאָטלען אַ לעקעכל, אָפּקויפן ביי זיי ביליקער די אַרבעט, לויטן אָרטיקן מינעג? אָדער די נויט אין שטיקל פעלד,

דער כיישעק צו זײַן זיכער דערמיט האט אים געטריבן צו פֿאַרבינדן דעם איניען שטאַרקער? ווי די זאַך איז, מאָטל איז ווידער ניט באשטאנען:

— איך פֿאַר ארבעט וועל צאָלן טאָג־פּרײַז. איך פֿאַר־לאנג נאָר גוטע אַרבעט. מיט וואָס וועל איך זיין זיכער, אַז מען וועט מיך ניט לאָזן שטעקן? ווער וועט גאַראַנטירן?

קסענאָפֿאָן האָט עפּעס געקײַעט צישן די ציין, גע־קלערט, אַרויפגערוקט די קוטשמע און שוין גאָר־גאָר ערנסט געזאָגט:

— דאָס פּאָנים...

און זיך געפּויקט מיט די פינגער איבער די מאָגערע באַקן.

**6**

... אין די יעדיע וועגן דעם יאָלד, אָדער ווי מען זאָגט אין יענעם ווינקל, וועגן „פּרײַער" אַוועק שפּאַצירן איבערן ראַיאָן. די שכיינים־פּאַכטערס זענען געווען ברויגעז, די קליינע פּריצימלעך ניט־צופרידן. קסענאָפֿאָן האָט אָנגעבראַכט אין אַ טאָג די גרעסטע אָרימקייט פונם דאָרף, ס׳ראָוו אַל־מאָנעס, נעמען פעלד אין שיטפעס... ער וועט גאַראַנטירן...

טרענאָזשקע און זיין ווייב האָבן געהאלטן אין איין שפּעטן און איך האב קיין צייט ניט געהאט זיך צוצוהערן צו זייערע רייד, ניט זיך אומצוקוקן אויף קסענאָפֿאָנען און זיינע פּראַ־טעזשירטע. אין אַ טאָג איז געקומען צופֿאָרן רײַטנדיק מיין אַמאָליקער טאלמיד, מיך אַוועקגערופן אין אַ זײַט און אי־בערגעפרעגט צי ס׳איז עמעס, אַז כ׳גיב אַוועק דאָס פעלד אויף שיטפעס אָן צוגאָב. ער האט מיך געוואָרנט און דערביי זיכער געהאט גוטע קאַוואָנעס:

— איר וועט ניט האָבן ניט קיין געלט, ניט קיין טווע... די גאנצע האָרעוואַניע אייערע איז ווי אין טײַך אריינגעווארפן!

... ער האט גוט געוווּסט מיין מאַטעריעלע לאגע... גע־ווּסט אַז דאָס לעג איך אַריין די לעצטע שיראַיִם פון שווער אָפּגעשפּאָרטן גראָשן מיט בלוט און שווייס פאַרהאָרעוועט. האָב איך אים באַרויִקט:

— נאָך גאָרניט געטון. נאָך גאָרניט אַוועקגעגיבן, אַפילע ניט צוגעזאָגט. דערווייל אַקער איך. ווי געפעלט אייך דער פלאַן?

כ׳האב אים געוויזן:

— דאָ, אין מיט־באַרג וויל איך פאַרזייען סאָנישניק. ווי מיינט ער?

ער האָט אַ קוק געטון מיט זיין געניטן אויג פון אַ פאַכמאַן און געענפערט:

— ס׳הענגט אָפּ פון... אַסאַך זאַכן. די ערד דאָ איז אַ שוואַכע, נאָר אויב איר וועט האָבן מאזל און סע וועט רע־גענען צו דער צייט און אויב די זון וועט ניט פאַרפאַליען... ס׳איז ערד־אַרבעט... די ריזיקע איז שטענדיק אַ גרויסע, נאָר דער כילעק איז דער, וואָס מיט גוטער ערד קען מען שטענדיק זיין מער־ווייניק זיכער.

כ׳האב אים געפירט, געוויזן אומעדום וואָס איך רעכן אויפצוטון. ער, דער געניטער, האט מאסקים געווען: „דער פלאַן איז דער בעסטער, אָבער... ווידער דאָס אייגענע — מאָגערע ערד. שוואַכע ערד, אַך, שוואַכע ערד!.. פאַרוואָס האט איר אייך ניט אָנגעפרעגט ביי מיר?...“ און ווידער צו־געזאָגט באהילפיק זיין מיט אַן אייצע, נאָר... זיכער:

— דער אַקער איז זיכער אַ גוטער, טוט זשע ווייטער־

ניט קיין נאַרישקייטן, לאָזט אייך ניט אָפּפּריצעווען· און — גאָט איז אַ פּאָטער·

··· זיך געטראָפן צופעליק מיטן פרירינן פאַכטער· אויך יענער האט געלויבט דעם אַקער און מיר דערמאנט אַז ער האָט צו מיר געשיקט עטליכע פויערן מיט אַ צעטאלע פון אים. ער ראָט מיר יענע פויערן אַוועקגיבן דאָס פעלד אויף שיטפּעס· און... יאָ: „קסענאָפּאָן איז זער, זער אַן אָרנט־ליכער· נאָר צו אַ גוטער· און איר אַ פרעמדער מענטש דאָ. אַ שאָד איר זאָלט אַריינפאלן".

ער האָט זייער ערנסט געראָטן צו זיין פאָרזיכטיק און איך האב פארשטאנען אַז קסענאָפּאָן האָט געמאַכט דעם עמעסן ראַש אַרום דעם איניען·

שאבעס פאַרנאַכט, איירעוו דעם שניי, האָב איך מיך געטראָפן מיט דער לערערין. און דאָ איז שוין געווען אַ לעקציע, אַ האַרבע, אַ שטרענגע. צום ערשטן מיך געפרעגט איראָניש, צי בין איך טאַקע אַזוי ריַיך? . און דערנאָך אַריינגעזאָגט אַ מוסער:

— איר ווייסט ניט וואָס ערד איז· ערד איז מילכאָמע. דאָ איז ניט פאראן קיין ראַכמאָנעס. מען מוז גיין ווי אַ גאזלען. ניט קיין שפּאַס ערד!..

זענדיק מאָטלס אָנגעכמורעט פּאָנים, האָט זי אים אַ פרעג געטון (און מאָטלען איז זי פאַרבליבן אַמסימפּאַטישסטן פון יענעם מאָמענט):

— וואָס פאַר אַ אומגליק האָט אייך פאַרפירט אַהערצו, אויף דער דאָזיקער ערד?

סאָף פון ערשטן טייל.

* *
*

מאָטל האָט געהאט בעדייע צו בעטן, אַז דאָס בוך זאָל זיין געווידמעט דעם אָנדענק פון זיין קינד. עס האט אים אָבער ניט געסטייעט קיין קויעך אַרויסצוברענגען דעם נאָמען איבער די ליפּן. און ס'איז אַזוי פאַרבליבן.

דער מעכאבער האט אָן ווערטער מעראמעז געווען מאָטלען, ער זאָל באהעפטן זיין צאַער צום שיטפעס־צאַער פון אלע צעבראָכענע טאַטעס און מאמעס, יידן און ניט־יידן, און צום צאַער פון די פאַרשניטענע אומשולדיקע קינדער, וואָס האבן — ווי מאָטלס — ניט זויכע געווען אַפילע צו זען און פילן לעבן זיך אין דער לעצטער אָפּשייד־שאָ דעם טאטן —

מאָטל האט ניט געזאָגט ניין.

# נאָכוואָרט

## 1

ווי דעם לייענער איז שוין באַוווּסט, שטעלט מיט זיך פאַר דאָס איצטיקע ביכל נאָר דעם ערשטן טייל פון דעם ווערק וועגן וועלכן ס׳מעלדעט דער שאַר־בלאַט.

עס דאַרפן נאָכקומען:

צווייטער טייל — בערסעניעוו

און דריטער טייל — מאָטלס אימפּראָוויזאַציעס.

ווען דאָס וועט געשען, דאָס הענגט שוין אָפּ פון אומשטענדן אויסער דעם מעכאַבערס רעשוס.

## 2

דער מעכאַבער זעט נישט קיין מאָטיוו פאַרוואָס ער זאָל דאָ ניט אויסדרוקן זיין אויפריכטיקע אַנערקענונג יענע געציילטע פאַר פריינט זיינע, אדאנק וועלכע ער איז צוריקגעקומען צו אַרבעט און געבראַכט דאָס בוך צו דער שייַן.

די פריינט — זיי און ער ווייסן ווער זיי זענען.

## פאַרצייכענונג פון די קאפּיטלען:


| | |
|---|---|
| מיראַזש | 7 |
| סימאָנים און טאָפּאָגראַפיע | 19 |
| באַגעגענישן | 30 |
| נאָך טאָפּאָגראַפיע | 38 |
| ציגאַנעשט | 46 |
| צווישן גוים | 57 |
| קסענאָפּאָן דער ציגיינער | 77 |
| אַ טראָפּן פונם יאם | 89 |
| זכוס־אָוועס | 96 |
| ערד | 110 |
| נאָכוואָרט | 127 |


Tipografia „Slova“, Doamnei 3.